# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 136) צוועלפטער יארגאנג מאַי 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

גלות און גאולה, דאָס חזקה-ליד פון די שארית-הפליטה-חלוצים.......** 1
קאָנקורענטן (סקיצע פון תל-אביבער לעבן)..........יוסף נוימאַן 5
חוני המעגל (באַלאַדע)......................אברהם פאַסירשטיין 8
לייבעלע בטלנס נסיעה קיין ישראל (פעליעטאָן)........ל. ש. קרעדיטאָר 10
מימיני מיכאל משמאלי גבריאל ועל ראשי שכינת אל (ליד) רקודה פאטאש 16
ווי אַזוי אַ פּראָזאַאיקער איז געוואָרן אַ דיכטער..........משה עובד 17
דער מאנגאָליע בוים אין וויקטאָריע פּאַרק,— לידער און צייט-לידער
א. נ.שטענצל 18
דער דאָרן איז תמיד גרייט צו קיניגן (תנ"ך אימפּראָוויזאַציע) י. ראַפּאָפּאָרט 22
דער נס פון פוילן.....................ל. שפּיזמאַן 25
פון מיין ביכער-טיש (פּראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור)
דר. יעקב י. מייטליס 29
ס. פּאַלמע און זיינע „סילועטן אין שפּיגל" (רעצענזיע).. אליהו פּאָלושאַק 34
„דער אייביקער וועג"; „אין זיך" (צייכנונגען)............ס. פּאַלמע 37
י. ח. קלינגער. עטאַ טאָפּל....................
אַדיוטאַנט פון בעניטאָ מוסאָליני איצט אַ גר-צדק אין גליל העליון ס. פּאַלמע 38
אפרים טויבענהויז 40
1. דער אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד; 2. רות בערגנער און חנה מעצגער; 3. אונזער סעקרעטאַר און רעציטאַטאָר נעט רובין ......................
טאַנץ-פיגורן (צייכנונגען)................ ש. 41
די ייוו"אָ טעטיקייט אין לאָנדאָן (באַריכט)...........דזשים וויגלעי 43
קולטור-ידיעות פון לאָנדאָן................................ 46
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס......................... 47
........................................ 48

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

אַבאָנענט-פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

**IDEAL TRIMMINGS LTD.**

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1
*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## דעם חודש דערשיינט לכבוד פעסטיוואל אַף בריטיין 1951

## „ווייטשעפּל לעבט און לייבט“
## דער סוווועניר פון ווייטשעפּל

אַ גרעסערע זאַמלונג, אַ מין אַנטאָלאָגיע, פון די לעבעדיקע יידישע שרייבער און פּאָעטן אין לאָנדאָן ווערט צוגעגרייט, אַ פּראַכט אויסגאַבע — אַ בוך קרוב 200 זייטן מיט דערציילונגען און דיכטונג פון יידישע שרייבער און פּאָעטן אין לאָנדאָן איבער לאָנדאָן.

זאָלן די יידישע באַזוכער, וואָס וועלן קומען אויף דער פעסטיוואַל אָף בריטיין, מיטנעמען מיט זיך אונזער מתנה — אונזער צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור — ווייטשעפּל לעבט נאָך!

פונם 22־טן מאַי אָן וועט מען די אַנטאָלאָגיע קאָנען קויפן אין די ביכערגעשעפטן פאַרן ביליקן פּרייז פון 7/6.

## „פ ר יי נ ט  פ ו ן  יי ד י ש  ל ש ו ן“

## א  וו א ר ט  ק א נ צ ע ר ט
## דער יום טוב פון יידישן בוך

דינסטיק, דע״ 22־טן מאַי, 7.30 אָוונט

אין אדלער זאל, אַדלער סטריט, א.1.

לכבוד דעם דערשיינען פון דער ווייטשעפּל־אַנטאַלאָגיע

צום „פעסטיוואַל אָף בריטיין“.

בילעטן — — — 3/6 און 5 שילינג

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

TOWER HAMLETS LIBRARIES

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 5 (העפט 136) צוועלפטער יארגאנג מאַי 1951 לאָנדאָן

## גלות און גאולה

(לכבוד ה׳ אייר — דאָס 3־טע יאָר פון מדינת ישראל)

.1

דריי יאָר איז אַ חזקה; אַז מען האַלט פעסט אין אַ משך פון דריי יאָר, דאָס וואָס מען האָט מיט כוח איינגענומען, איז עס אַ סימן, אַז מען וועט אויסהאַלטן — דריי יאָר זיינען „שני־חזקה“!

נאָך דריי יאָר עטאַבלירן זיך לעבט מען שוין אַן אייגן לעבן, איז מען שוין פאַרוואָרצלט, ווערט מען שוין צעצווייגט און צעוואַקסן — זיינען שוין די טריפהנע ערלה־יאָרן אַוועק! דער האַזאַרד־אויפּברויז פון כאַפּן און צונעמען!! דאָס שפּיל פון זיך מעקן און שטעלן איז שוין איינגעשטילט. עס איז שוין דאָ דער אחריות פאַר עפּעס, מען טראָגט שוין דעם עול פונם אחרית הימים; עס וואַקסט די אַרבעט, מיט יעדע מינוט ווערט זי שווערער: פון די שווערדן מוז מען קאָסעס קאָוועז און פון די קאַנאָנען — טראַקטאָרס; אָבער מיט די שוועריקייטן וואַקסן די כוחות, זיי שאַרפן זיך, זיי פּרוּוון זיך און זיי וואַקסן —

נאָך דריי יאָר בויען אַן אייגענע מדינה, וואַקסט אַריבער די אינערלעכע פּאָליטיק די אויסערן פּאָליטיק און די זיידענע דיפּלאָמאַטן הענטשקעס דעקן שוין נישט צו די שפּיציקע עלנבויגנס פון פּאַרטיי און פּראָטעקציע — זיי זיינען צו קורץ!...

די אינערן־אַרכיטעקטור, — די סימעטרישע קליין־קונסט פול מיט פּראַקטישע חשבונות און קליינלעכקייטן פון אַן ענגער דירה, — הויבט זיך ערשט אָן ווען איבער דער געביידע דעקט זיך שוין דער דאַך —

די אַלע שוועריקייטן אין ישראל, וואָס שייך אַצינד זיינען דווקא אַ סימן טוב, אַז דער בית־ישראל איז שוין באַווינט, נאָך איידער ס׳איז אויפגעבויט; אַז ס׳הויז איז שוין באַלד פאַרטיק — עס גייען שוין אָן די משפּחה־רייסערייען איבער אַ בעסערע, איבער אַ באַקוועמלעכערע שטוב, איבער אַן אַלקערל . . . קינדער, שוין אַנטוויינטע, שוין אַ ביסל אויסגעהאָדעוועטע שטעלן זיך שוין אויף די וואַקלדיקע פיסלעך... מיט אַ ביסל כוחות און אייגענעם ווילן, רייסן שוין ביי די פּאָלעס . . .

דריי יאָר איז שוין מער ווי אַן אתחלתא דגאולה, דריי יאָר איז שוין מער ווי אַן אָנהויב — עס איז שוין אַ חזקה!

.2

אַז אַ פֿאָלק ווי מיר, אַ גלות פֿאָלק פֿון צוויי טויזנט יאָר, אַ געיאָגטס, אַ געפּלאָגטס, וווּ נישט געמעקט זיך דאָ געשטעלט זיך, נע ונד איבער אַלע שבעה־ימים, איבער אַלע כנפֿי־הארץ; אַז אַזאַ פֿאָלק, נאָך צוויי טויזנט יאָר זיך אַרומשלעפּן און אַרומוואָגלען, האָט נאָך אַ חוש פֿאַר מלוכה־ענינים, איז נאָך מדינה׳דיק, איז נאָך מן הישוב, מיינט עס באמת שוין, אַז די ימי המשיח הויבן אָן קומען; הייסט עס, אַז די חזיונות פֿון אונזערע נביאים ווערן דאָך מקוים — מען ווערט גלויביק!

יאָ, אַז דאָס שוואַכע שעפּעלע צווישן די ווילדע וועלף — דאָס פֿאָלק ישראל צווישן די אומות! — האָט אויסגעהאַלטן; אַ געבונדנס אויף אַלע פֿיר, אַ געשלאָגנס, אַ געשווירנס, געקוילעט און פֿאַרצוקט, און אָט שטייט עס, — ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווי ס׳וואָלט קיין שום שלעכטס אים נישט געשען — אויסגעגלאָצט פֿאַר׳חלום׳ט פֿרום־ענטציקנדיק — — —

יאָ, מען ווערט גלויביק, מען זעט בחוש דעם חזיון פֿונם נביא, עס שטייט בולט פֿאַר די אויגן דער „וגר זאב עם כבש״... מען ווערט גלויביק אינם מענטש, אין די פֿעלקער, אין זייער ברוטאַלער שטאַרקייט און אין די שוואַכקייטן פֿונם אייגענעם פֿאָלק — — —

וואָלט אַן אַנדערע אומה ולשון געגאַנגען אין גלות אַריין אויף צוויי טויזנט יאָר, ווי מיר זיינען געגאַנגען אויף פּיין און יסורים, אויף בושה און שחיטה, אויף דערנידריגונג און פֿאַרטיליגונג, וואָלט עס דען טויזנט יאָר אויסגעהאַלטן, צי צומאָל הונדערט יאָר?

עס וואָלט די גאַנצע וועלט פֿאַרטיליקט, אָדער זיך אַ מעשה אָנגעטון! מיר זיינען נישט געגאַנגען מיט דער שווערד אין איין האַנט און מיט דער ביבל אין דער צווייטער, מיר האָבן אין אונזערעביידע הענט געטראָגן אונזער תנ״ך און אונזער תלמוד, און אונזער „תלוי״ נאָך איז געוואָרן זייער „גאָט״...

און נאָך אין די לעצטע דורות האָבן מיר אויסגעטראָגן אַ שפּינאָזע און אַ בעל שם, אַ מאַרקס און אַן איינשטיין, און פֿון אונזער דערנידריקטן און באַשפּיגענעם „זשאַרגאָן״ געשאַפֿן יצירות וואָס וועלן בלייבן לדורות ווי דער תנ״ך און ווי דער תלמוד...

.3

יאָ, גלות און גאולה, דאָס איז מן הסתם דער באַהאַלטענער סוד פֿונם „נצח ישראל״ — פֿון אונזער אייביק שעפֿערישן פּערפּעטואום מאָבילע! עס איז די אַקומילאַציע וואָס ברעכט אויף מיט יצירהדיק לעבן ווייטער צו אַקומילירן.

וועט מען אַמאָל געווויר ווערן דעם אונטערשיד, און וועלכעס ס׳איז דער נעגאַטיוו און וועלכעס דער פּאָזיטיוו? און אַז יאָ שוין, איז וואָס שוין אייגנטלעך אונזער גרויסער חילוק? ביידע אינאיינעם, פֿאַרזיווגטע מאַן און ווייב, שאַפֿן דאָס לעבן! איינס לעבט פֿונם צווייטן, איינס אַקומילירט פֿאַרן צווייטן — עס איז דער „הנאהבים והנעימים״ פֿונם מזל תאומים, ווו ס׳הויבן זיך אָן די שאַ־



פונגען פֿון די וועלטן, די באַוועגונגען פֿון די גלגלים, וואָס איינס באַוועגט דאָס אַנדערע, ווו איין געווערק ציט אָן דאָס צווייטע, אין אייביקער שעפֿערישקייט; דער דינאַמישער נע ונד פֿון האַרמאָנישער בריאה, וואָס רוט אויס אַ רגע צו דערכאַפּן דעם אָטעם, עס איז די אייביגע וואַנדערונג און פֿאַרוואַנדלונג פֿון מאַטעריע אין ענערגיע, און פֿון ענערגיע אין מאַטעריע — —

אָט־אָ דער שעפֿערישער פּערפּעטואום מאָבילע פֿון גלות און גאולה איז דער נצח ישראל אונזערער.

גלות און גאולה — עס איז די אלף און די תיו פֿון אונזער עקזיסטענץ! נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער נצחון פֿון שמשון׳ען איבער די פּלשתים איז דער פֿאַרלוירענער קאַמף פֿון בר־כוכבא — — — און דער וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד קייגן דעם מלכות הרשע וועט בלייבן די גלאָריע פֿון אונזער פֿאָלק פּונקט ווי דאָס צוריק אויפֿגעבליטע און דאָס זיך פֿאַרוואָרצלטע מלכות ישראל אַצינד.

עס זיינען די תלמידים פֿון רבי עקיבא, עס איז די מיסטיש סודותדיקע זוהר־ליכטיקייט, די בר־כוכבא רעוואָלוציע־אַקומילאַציע, וואָס האָט אַזוי באַלויכטן אונזער פֿינסטערן גלות־וועג, און עס וועלן זיין די פֿלאַמען פֿון אונזערע קדושים וואָס וועלן לייכטן לעולם ועד, אַקומילירט אין דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד.

עס איז גלות און גאולה, דער מזל תאומים קאָנסטעלאַציע פֿון אונזער אייביקן וואַנדערדיקן און וואַנדלדיקן לעבן — — —

און עס זיינען די חלוצים אין ישראל שוין דער אָנהויב פֿון דער אתחלתא דגאולה — דער אָנהויב פֿון די ימי המשיח, וואָס וועלן אונזער פֿינסטערער וועלט אַרויספֿירן צו נייע ליכטיקייטן.

* * *

און ווייל „ליתא כתיבא בלא תיגרא״, נישטאָ קיין שמחה אָן אַ מחלוקהלע, ווילן מיר דערמאָנען די ביטערע דאָליע, וואָס יידיש האָט אין דער זיך בויענדיקער מדינה — — —

אויב גאולה מיינט טאָטאַלע ליקווידאַציע פֿון גלות, און „כינוס״ מיינט „גלייכשאַלטונג״ אויף „היברו״ „אַלצדינג״, אָדער דער „עיקר״, וואָס ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אין יידיש, קאָן עס נאָך מיינען, חלילה, פֿאַרוואַנדלען אין אַ גייסטיקן וואַנדאַליזם טויזנט יאָר שאַפֿן פֿון אַ פֿאָלק. וואָרים מיר ווייסן, וואָס עס מיינט „עיקר״ און „אַלצדינג״ ביי פֿריש צאַפּלדיקע פּאָליטיקער אַרומגערינגלט פֿון כאָפּטעס מיטלויפֿערס און נאָכלויפֿערס, וואָס יידיש איז ביי זיי שוין טויט און זיי חלש׳ן נעבעך נאָך אומשטערבלעכקייט און שטאַרבן צו מאַכן אַ גוט לעבן . . .

אויב מדינת ישראל מיינט אַ לענדל אין מיטל־אַזיע מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ דריי מיליאָן, אויפֿן גייסטיקן ניוואָ פֿון די שכנימלעך דאָרט, און אַזוי פֿיל נאָגן פֿון די עצמות היבשות פֿון די גלות לענדער, ביז פֿון די 12 מיליאָן יידן וועט אפֿילו קיין מנין יהודים צומאָל נישט איבערבלייבן — אַזאַ שלילת הגלות

פּאָליטיק איז נישט מער ווי די צווייטע אָפּגעמעקטע זייט פון דער פאַלשער אַסימילאַציע מטבע — עס איז מאַכן אַ לעבן, אָדער אַ מעשה זיך אָנטון!

עס קאָן זיין אַזאַ שיטה, אָבער זי איז נישט קיין יידישע; עס איז יודנשטאַט, אָבער נישט מלכות ישראל, נישט שעפערישער משיח־גלויבן, נישט נביאישער אחרית הימים.

פאַר יידן אָבער, וואָס גלויבן אין אַ נצח ישראל, איז די ביטערע דאָליע פון יידיש אין ישראל נאָר אַ צייטווייליקע, אַ גזירה אַזאַ פון שטאַרקע, פון פקידים, פון שוטרים. די חזקה פון די אַמאָליקע „דוברי שפת־עבר" פּאָליטיקער, פון בטלנישע מלמדים, עברית בעברית לערער, וואָס אויף איבער נאַכט זיינען זיי געוואָרן גרויס פּאָליטיקער, וואָס גראַבלענדיק זיך אין גרויסע אָפּיל פינאַנצן, גייען זייערע קעפּ כאָדאָראָם, אַזש ס׳גרילצט זיי אין די אויערן... אָבער גזירות האָבן מיר אַ חזקה, ווערן „אָפּגעשריגן" און ווערן בטל, און די ביטערסטע גזירות לעבן יידן איבער — עס איז „נצח ישראל לא ישקר". און נאָך איינס: מיר זיינען זיכער אַז אַלצדינג וועט גיין כשורה, ווייל מיר ווייסן דעם חלוצישן כוח און „חזקה על חבר שאין מוצא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן".

## דאָס חזקה־ליד פון די שארית הפליטה חלוצים

„צדקה עשה הקב״ה עם ישראל שפּזרם בין האומות"

אויב צווישן די פעלקער מיר זאָלן לעבן,
פון גאָט געווען אַ געשענקטע צדקה,
אַז נישט פאַרטיליקט מיר זאָלן ווערן . . .
ווילן מיר נישט מער אָט די צדקה!

ווי לאַנג געווען ס׳איז אַ וואַרשע, ווילנע,
צי אַ לעמבערג, אַ קאָוונע, אַ קראָקע,
אָבער איצט אַז פאַרטיליקט שוין אַלע — — —
ווילן מיר נישט מער אָט די חזקה!

אפשר פאַר יענע עולי הגולה,
צוריקגעלאָפענע קיין מאַראָקע,
און פאַר די שיקער, — אַמעריקאַנער! —
אַ מחיה נאָך ס׳ביסעלע צדקה . . .

פאַר אונז אָבער, די שארית הפליטה,
פון וואַרשע, פון ווילנע, פון קראָקע,
זיינען די דריי יאָר מלכות ישראל,
געזעצלעך שוין די שני חזקה.

נישט קיין פעלקער־חוזק ס׳איז ישראל,
ווי מיר נישט קיין נעמער פון צדקה!
מיט כוח ס׳לאַנד מיר האָבן גענומען,
און אויסגעהאַלטן די שני חזקה.



## יוסף נוימאַן

## קאָנקורענטן

(סקיצע פון תל־אביב׳ער לעבן)

כמעט יעדן טאָג, פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, טרעפט מען אים אין די גאַסן מיט זיין איבערגעדעקטן קויש סחורה, וועלכן ער פירט אין אַן אַלט קינדער־וועגעלע, און שרייט אין איין אָטעם: הייסע אַרבעס!...

ביינאַכט הערט זיך זיין קול טרויעריקער, מעלאַנכאָלישער. יעדער אויסרוף קלינגט עפּעס ווי אַ טיפער קרעכץ פון אַ פאַרבאָרגענער ווונד — יעדער בליק זיינער דריקט עפּעס אויס ווי אַ פּראָטעסט.

רופן רופט מען אים „איציק אַרבעס". אַ שוואַך נידריק יידל מיט רויטליכע אויגן, און אַ קליין שוואַרץ געשוירן בערדל, וועלכעס קוקט אַרויס צווישן זיינע דאַרע איינגעפאַלענע באַקן, ווי אַ רונדער שוואַרצער פלעק.

אַמאָל, איידער ער איז געוואָרן אַ הענדלער, איז ער געווען אַ פּרעסער־געהילף. האָט ער אָבער, פאַר קיין שום יידן געדאַכט, געקראָגן אַ שוואַך האַרץ, און געמוזט אויפגעבן די אַרבעט.

האָט איציק שוין געהאַנדלט מיט כל המינים סחורות, און צו קיין שום סחורה מישטיינס געזאָגט קיין מזל נישט געהאַט. דאַכט זיך, גאַנצע טעג געבראָכן דעם קאָפּ וועגן עפּעס אַ נייע סחורה, און ווי נאָר ער האָט גענומען דערמיט האַנדלען — קאָנקורענטן! וו ער זאָל זיך ניט געבן אַ קער, אַ קאָנקורענט מיט דער זעלבער סחורה — פונקט ווי אויף להכעיס.

האָט איציק געהאַלטן אין איין בייטן די סחורות, און פון קיין שום סחורה קיין לעבן נישט געקענט מאַכן.

איינמאָל אָבער, האָט איציק׳ן אַ בליץ געטון אַ געדאַנק — הייסע אַרבעס!... אַ נייע סחורה!... האָט ער זיך גענומען וועגן דעם גוט אַריינטראַכטן, נאָכשפּיאָנירט צווישן די הענדלער, נאָכגעקוקט, אויב עמיצער איז שוין פריער נישט געפאַלן אויף דעם געדאַנק, און אַז ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַלעס איז אין אָרדנונג, האָט ער דעם פּלאַן פאָרגעלייגט פאַר זיין ווייב און געפרעגט ביי איר אַן עצה.

— וואָס ווייס איך? — אויב דו מיינסט, אַז מ׳וועט דערביי קענען פאַרדיינען, אדרבא, פאַרוואָס נישט?

— רעדסט ווי אַ קינד — האָט איציק איר געגעבן צו ערקלערן מעשה פּראַקטישער מענטש — וואָס הייסט צי מ׳וועט פאַרדינען? ערשטנס דאַרפסטו נישט פאַרגעסן, אַז דאָס וועט זיין אַ נייע זאַך, אַ סחורה וואָס קיינער כמעט האַנדלט נישט דערמיט; און צווייטנס, וועל איך טאַקע זען, אַז דער אַרבעס זאָל זיין גוט, געבנוג געזאַלצן, געפעפערט, אַרויספירן טאַקע אין אַ ריינעם קויש און אַז אַלעס וועט זיין ווי געהעריק, האָף איך אַז ס׳וועט מיט גאָטס הילף זיין גוט.

איציק׳ס ווייב האָט נאָך אפילו געפּרובט מאַכן איניקע קעגן־באַמערקונגען. נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע האָבן אָבער מאַן און ווייב לסוף איינגעשטימט, און מען האָט גענומען מאַכן פאַרבאַרייטונגען פאַר די נייע ביזנעס.

איציק האָט באַלד געבראַכט אַ זעקל אַרבעס, באַפוילן דעם ווייב, אים גוט דורכצוקלויבן, דורכוואַשן, געקויפט אַ נייעם בלעכענעם קעסל, געקראָגן ערגעץ אַן אַלט קינדער־וועגעלע — און אַז ער איז ביינאַכט איינגעשלאָפן, נאָכדעם ווי ער האָט נאָך מיט'ן ווייב אויפ'ן געלעגער דורכגעשמועסט זיך מכוח דעם נייעם „געשעפט“, האָט זיך אים אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין פלאָנטערן חלומות פון אַרבעס... גאַנצע בערג פריש־געקאָכטע אַרבעס, האָט זיך אים געדאַכט, שטייט ער און פאַרקויפט, פאַרקויפט, נעמט געלט, קונים שטופּן זיך, און דאָס געשעפט „גייט ווי אויף רעדער“.

אויף מאָרגן איז איציק מיט זיין ווייב אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. זי האָט גענומען קאָכן די אַרבעס, ער האָט זיך געפּאָרעט ביי דעם וועגעלע, געריייניקט, געפוצט, אַריינגעשטעלט דרינען דעם קויש, געזאָגט מבינות, וויפיל זאַלץ און פעפער מען זאָל געבן די אַרבעס, און ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן, איז איציק אַרויס מיט זיין נייע סחורה איבער די תל־אביב'ער גאַסן — און דער עולם האָט געקויפט, אַ נחת...

איבערהויפּט פלעגט איציק שטאַרק הנאה האָבן, בשעת ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן מיט זיין סחורה נעבן אַ בית ספר (שולע). דאָרט צווישן אַ גאַנצע רייע הענדלערס פון פאַרשידענע סחורות, פלעגט ער זיך פילן ווי אַן אמת'ער ביזנעס־מאַן, עפּעס העכער פון זיי אַלעמען — ער איז איינער, איינער וואָס האַנדלט מיט אַרבעס.

נאָר אָפט, אַז די קינדער וועלכע זיינען אַרויס פון בית הספר, פלעגן אים אַרומרינגלען און שנעל ביי אים אויסקויפן זיין סחורה, פלעגט אים עפּעס אין האַרצן אַ צי טון אַ געהיימע שרעק. עפּעס האָט אים אויסגעוויזן, אַז אַלע גלאָצן אויף אים מיט די אויגן, אַז מען פאַרגינט אים נישט... און כדי נישט אַרויסצו־רופן קיין קנאה, פלעגט ער צוריק איבערדעקן דעם קויש, שטיל נעמען שטופּן דאָס וועגעלע און מעכאַניש יעדעס מאָל אַ ברום טון: הייסע אַרבעס, הייסע אַרבעס!...

איינמאָל אָבער, האָט איציק געפילט, ווי עפּעס האָט זיך אים אָפּגעריסן אין האַרצן.

— אַ קאָנקורענט!...

אַ יידל מיט דער זעלבער סחורה, און שרייט מיט דעם זעלבן נוסח — כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, האָט אים די גאַנצע זאַך געאַרט, ווי צען מאָל גאָר־נישט! — אויך מיר אַן אַרבעס־הענדלער, האָט ער געטראַכט, עפּעס אַ פאַר־קוועטשט יידל, וואָס שלעפּט זיך אַרום ווי אַ ליימענער גולם...

פאַרדראָסן האָט איציק'ן נאָר איין זאַך: ווו ער זאָל נישט שטיין — דאָס יידל איז אויך דאָ! אמת איז, ער לאַכט זיך אויס פון אים, דאָ ווו ער קען פאַר־קויפן אַ קויש אַרבעס אין אַ שעה, קען יענער אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג. פאַרדריסן פאַרדריסט אים נאָר דאָס נאָכקריכן, עס זעט ביי אים אויס מעשה חזיר — וואָס איז, תל־אביב איז אים צו קליין?... פלעגט איציק דערפאַר אָפּט ליב האָבן זיין קאָנקורענט אַ רוף צו טון...



אָט האָט ער ליב אַ שטייגער, אַז ער פלעגט פריער אויספאַרקויפן זיין סחורה פאַר יענעם — פאַררויכערן זיך אַ סיגאַרעט, דורכגיין מיטן ליידיקן קויש פאַרביי אים, פרעגן כלומרשט ווי שפּעט עס איז, ווי די געשעפטן גייען, און זיך ווייטער גיין זיין וועג.

קיין שלעכטס האָט איציק דאַכט זיך נישט געמיינט, נאָר אין האַרצן האָט ער עפּעס געפילט אַ באַזונדער פאַרגעניגן, אים צו ווייזן דעם ליידיקן קויש — זאָל יענער זען וואָס פאַר אַ גרויסער אויפטוער ער איז דאָס... און כאָטש איציק איז ביי זיך זיכער געווען, אַז זיינע ביזנעס ליידן צוליב דעם קאָנקורענט גאַנץ ווייניק, פלעגט אים דאָך אין האַרצן נאָגן אַ שטילער שמערצליכער פאַרדרוס.

— האָסט באַדאַרפט זען, ווער ס'איז געוואָרן אַן אַרבעס־הענדלער — פלעגט ער יעדעס מאָל באַמערקן דעם ווייב מיט איראָניע — עפּעס אַ נפש, קוים וואָס ס'לעבט!... היינט דער אַרבעס — איך וואָלט דיר געווינטשן צו זען די סחורה: שוואַרץ, צעקראָכן — איך זאָג דיר, ס'עקלט.

פונדעסטוועגן, ווי ס'איז, וואָלט שוין איציק אפשר אָנגענומען אַלעס פאַר ליב. זאָל זיין נאָך איינער! איז אָבער די צרה, וואָס עס קומען צו נאָך — כמעט יעדן טאָג אַ פרישער קאָנקורענט...

פילט איציק אַז זיינע ביזנעס פאַלן פון טאָג צו טאָג...

— צרות, ברודערקע! — באַקלאָגט ער זיך אָפט מיט אַ שווערן זיפץ — נישטאָ אַמאָליקע צייטן... אַמאָל איז געווען אַ געשעפט, אַמאָל האָב איך געמאַכט ביזנעס — פלעג פאַרקויפן פיר־פינף קוישלעך אַרבעס אַ טאָג, בין געווען איינער — פאַרשטייסט? איינער. היינט? היינט איז אין דר'ערד. היינט, אַז מען פאַרקויפט אַ קוישל אַ טאָג, איז מען גליקלעך. קאָנקורענטן, גוטער ברודער, ווו מען גיט זיך אַ דריי. נישטאָ אַמאָליקע צייטן, נישטאָ.

און מער ווי יעדעס מאָל, פילט איציק אַ טיפן פאַרדרוס, בשעת די קינדער גייען פון די שולעס, און נעמען באַלאַגערן זיינע קאָנקורענטן מיט פיאַסטערס אין די הענט.

— פאַרזאָרגט זיי מיט אַ פרנסה — טראַכט ער מיט ביטערקייט — אַלע מיינע קונים געווען...

— רוצחים! מערדער! — ווילט זיך אים אויסשרייען — וואָס האָט איר זיך אויף מיר אָנגעזעצט, וואָס? פאַרוואָס רייסט איר מיר אַרויס דעם ביסן פון מויל? פאַרוואָס?...

אָבער אַנשטאָט די ווערטער, טוט ער בלויז אַ טיפן זיפץ, נעמט מיט רוגזה שטופּן דאָס וועגעלע און שרייט מיט אַ צעוויטיקט האַרץ: הייסע אַרבעס! הייסע אַרבעס!

---

וועט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“
אבאנירט „לשון און לעבן“
אנאנסירט אין דעם איינציקן יידישן זשורנאַל אין ענגלאַנד

## אברהם פאסירשטיין

# חוני המעגל

(באַלאַדע)

פירט אַ חלוץ דעם אַקער אין עמק יזרעאל,
מיט דערהויבן געמיט.
געפעדערט אין פריען באַגין מיט חלום־דערלייז,
מיט זינגען פון האָפנונג אַ ליד.

מונטער גייען די מויל־אייזלען אינעם געשפּאַן —
מיט הייסן גערדראַנג, מיט קאָך.
זיי גייען אַזוי וויליק, זיי שפּאַנען מיט חשק —
זיי רייסן, זיי ציען דעם יאָך.

און עס שוועבט אינעם חלל די ברכה פון טל —
פאַלט אויף ערדישן געזיכט,
און פאַמעלאַך שיילט זיך פון דער פינצטערניש,
ליכטיקייט — שיכט נאָך שיכט.

פלוצלינג באַגעגנט זיך שטאָל פון שנײדיקן אַקער,
מיט האַרטקייט פון שטיין,
און ס׳שטויסט זיך דער חלוץ פראַלנדיק צוריק,
מיט זיין גאַנצן געביין.

ווי קומט דער פאַרבאָרגענער בנין אין דער ערד,
מיט שטייניקער שאָל? —
עס איז דאָס באַהעלטעניש פון חוני המעגל
וואָס שלאָפט דאָ אינעם טאָל.

האָט פלוצים פעלזיקע שטאַרץ זיך געהויבן —
חוני המעגל איז דערשינען.
דער מאָרגן־שטערן האָט זיך אין לויטערן גאָלד,
מיט אויפגאַנג פון זון — פאַרשפונען.

שטייגט ער אַרויס פון דער הייל צעשויבערט און פרעמד,
ווי אַ געטלעך געשטאַלט:
זיין פנים אַ מגילה פון פאַרגאַנגענער צייט —
ערפאָרכטיק און אַלט.



זאָגט חוני צום חלוץ: דיין געזאַנג איז ניי, —
דיין צורה, ווי אַמאָל, די זעלבע;
אין דיין ניגון איז אַריינגעפלאַנצט דער היימישער ווײ
פון דער ווייסל, פון דער עלבע.

„ס׳וועט זיין ווי אַ חלום, נאָך ציון דער צוריקגאַנג —"
זינגט אין תהלים דאָס ליד —
אַ האָפנונג פון צייטן, פון הונדערטער דורות,
מאַכט הילפלאָז און מיד.

זאָגט חלוץ: „האָפן האָט זיך אין שאַפן פאַרוואַנדלט;
וועקן די ערד, בויען די טורמען
פון גליק און דערלייז. — ביזטו דער נסים־טרעגער,
דערוואַכסט אונז צו באַשירמען?

מיר האָבן אויף וועלטליכן קיילאָך געוואָגלט
פון גאולה — בשורה געטראָגן.
זיינען מיר אין לאַנד פון אבות געקומען —
טריט פון משיח — דעריאָגן".

האָט חוני ערנסט באַטראַכט דעם סוד פון וואַנדל;
זון־אויפגאַנג האָט נאַכט פאַריאָגט —
ער האָט געהויבן זיין שטימע מיט אויסדרוק
פון קדושה, און געזאָגט:

„דו ביזט דער גלגול פון אלישע דעם נביא,
וואָס אליהו האָט געגעבן
זיין נביאישן מאַנטל פון געטליכן חסד,
צו וועקן טויטע צום לעבן..."

* * *

האָבן פאַלמען און בערג פון הייליקע ווערטער,
גאַפּענד פאַרנומען דעם אָפּקלאַנג,
און זיינען געבליבן אין שטוינען פאַרשטיינערט,
מיט שטילן און שטומען געזאַנג.

קומט צו אונזערע יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

ל. ש. קרעדיטאָר

# לייבעלע בטלן׳ס נסיעה קיין ישראל

(איבערגעגעבן אַזוי ווי ער האָט מיר דערציילט)

אויב איר געדענקט נאָך האָב איך, הקטן, אויך אַמאָל געלעבט אין ווייטשעפּל אַזוי ווי איר, און איך בין אויך פאַרוואָגלט געוואָרן אין די רייכע מקומות אַזוי ווי איר! נאָר זאָגן זאָג איך אייך, אַז איך האָב זיך נישט געענדערט אַזוי ווי איר, איך בין געבליבן דער זעלביקער בטלן ווי געוועזן.

אמת, מיין פלונית, זאָל לעבן, האָט זיך יאָ אַ ביסל געענדערט; זי פאַרבט שוין די נעגל, טראָגט שיך מיטן גראָבן פינגער פון פוס אַרויס, אויך דעם נאָמען אַ קאַפּעטשקע אַנדערש. עס הייסט, בעצם, אַז נישט זי איז געפאַלן אויף אַזאַ איינפאַל, נאָר דער מילך־מאַן האָט איר אָנגעהויבן רופן מיסיס באַטלאָנוטאַ. איז איר דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן. ווייל, זאָגט זי, דאָס קלינגט ווי אַן איטאַליענישער נאָמען; נאָר איך זאָג איר, אַז דאָס איז גאָר ענלעך צו דעם תא־תא פון „אקדמות“. נאָר ווי אַזוי דעם מילך־מאַן איז איינגעפאַלן צוצולייגן דעם „תא“ קאָן איך בשום אופן נישט פאַרשטיין.

און די קליינע קונדייסים דערהערנדיק ווי דער מילך־מאַן רופט איר, איז זיי אויך געפעלן דער נאָמען, און ווען מיין פלונית גייט שבת פון שול און די קליינע חברה שפילן נעבן מיין הויז „קריקעט“ אָדער „פוטבאָל“, נעמען זיי איר איבער מיט דעם ניגון פון „אקדמות“ און שרייען: מיסיס באַטלאָנוטאַ, מיינד די באָלוטאַ!

מיינע, זאָל געזונד זיין, באַליידיקט זיך נישט. אדרבה, זי האָט שטאַרק הנאה פון דעם נאָמען און ענטפערט זיי מיט זייער לשון: „מיינד יור באָלוטאַ און נעמט איין, שונאי־ישראל, אַ קאַפּאַרוטאַ!“

די קליינע לאָבוסלעך פאַרשטייען, אַז מיינע איז פריינטלעך און שעלט זיי נישט. ענטפערן זיי איר אין כאָר, שטיפעריש מיט אַ „דזשעז“־ניגון: „ווי ניט איינגעמען אַ קאַפּאָרוטאַ, נאָו, נאָו, נאָו!“ פונקט ווי זיי וואָלטן געוועזן אין ווייטשעפּל, נישט אין גאָלדערס גרין.

אמת, מיר האָבן זייער שטאַרק פאַרווייטשעפּלט די רייכע מקומות אין וועלכע מיר האָבן זיך איינגעבירגערט; מיר האָבן געבויט שולן מיט תלמוד־תורה׳ס, דאָס הייסט: „רעלידזשעס קלאַסעס“, ווו יידישע קינדער לערנען צוויי־דריי מאָל אין וואָך, און באַקומען פרייזעס פאַר אויסצייכענען זיך אין „היברו“. איך ווייס איינע אַזאַ מין תלמוד תורה, ווו אַלע תלמידים האָבן באַקומען פרייזעס אויסער איינער. ער האָט פאַרלוירן דעם עקזאַמען אין היברו צוליב אַ קלייניקייט. מען האָט אים געפרעגט: ווי האָט מען גערופן דעם מאַן וואָס האָט גערעדט מיטן אייזעל און דער אייזעל האָט גערעדט צו אים? דאָס האָט ער נישט געוווסט, נאָר זיין חבר האָט באַלד געענטפערט: דאָס איז אייבראַהאַם ווען ער האָט אָנגעזאָטלט דעם אייזעל צו פירן זיין זון דזשייקאָב צו דער חופה — ער האָט זיך באַלד פאַרריכט און געזאָגט: „יו נאָו די גיים, יו נאָו“.



דערפאַר האָט זיך דער העכסטער קלאַס אויסגעצייכנט, אַלע האָבן געקאָנט „שמע“ און איינער האָט גענומען דעם העכסטן פרייז פאַר אויסצייכנונג — אין אַ פוטבאָל מעטש.

מיר האָבן דאָ אויך, אין די רייכע מקומות, אַ חברה גמילות־חסדים. פון יעדן קאָן אין „סאָלאָ“ מוז דער געווינער געבן אַ שילינג פאַרן גמילת־חסד. נאָר ווער קומט דען באָרגן אַ גמילת־חסד? ביי אונז זיינען אַלע גבירים, גאָט־צו־דאַנקן.

מיר האָבן דאָ אויך, ווי ביי אייך אין ווייטשעפּל אַמאָל, באַרימטע חסידישע רביים מיט אַ כשר׳ע מקוה, ווי דער דין איז: „מ׳ סאה מים חיים“, און אויב זי טריקנט אויס אין די היצן, פילט מען איר נישט אָן מיט „מים שאובים“ נאָר מיט אמת׳ע קוואַל־וואַסער, וואָס קוועלט פון די דרשות, לעקטשורס און סתם ספּיטשעס. געלויבט איז השם יתברך, וואָס נעמט אָן אונזער תפילה פון „גשם“, אוי, רבונו של עולם, „בעבורם אל תמנע מים“.

און ציוניסטן האָבן מיר דאָ אויך, און מיטינגען האַלטן מיר דאָ, און קאָנצערטן אַראַנזשירן מיר דאָ, און לעקטשורס מכל המינים, פון רעכטע, פון לינקע און אַלגעמיינע. אַלע אַגיטירן פאַר ישראל, דאָס הייסט, יעדער איינער זאָגט דעם אַנדערן, אַז ער זאָל פאָרן קיין ישראל.

און דאָ, רבותי, קום איך צום עיקר ענין, ווי דער אַלטער זיידע מענדעלע האָט געזאָגט: „צום סיפור המעשה“.

### ווער זאָל זיין דער ערשטער?

מיין פלונית, זאָל לעבן, האָט מיך גענומען „נעגן“, באַלד ווי די מדינה ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, דאָס איך מוז תיכף־ומיד מאַכן אַ נסיעה קיין ישראל. וואָרום עס קאָן דאָך זיין, אַז עס זאָל חלילה פעלן אַ מיניסטער אין ישראל׳ס קאַבינעט און איך, זאָגט זי, האָב דאָך אַ מיניסטערשן קאָפּ אויף די פּלייצעס, איך מוז זיין דער ערשטער. אויב איך וועל זיך נישט אַ ריר טון פון אָרט, וועט העמפּסטעד, גאָלדערס גרין, הענדאָן, פינטשלי און עדזשווער בלייבן פאַרגליווערט, דאָס הייסט, בלייבן ביים רעדן, ביי פּראָפּאַגאַנדע און נישט ווייטער.

ענטפער איך איר אײדל, מעשה דזשענטעלמאַן, ווי עס פּאַסט צו רעדן מיט אַ לײדי, וואָס איר מאַן וועט זיין אַ מיניסטער, בזה הלשון: מיין טייערע מיסיס באַטלאָנותא (זי האָט הנאה פון דעם נאָמען): וואָס אַרט דיך, אַז איך זיץ זיך בשלוה אין די רייכע מקומות? אויב ישראל קאָן אָן מיר נישט אויסקומען, און וועט וועלן מיך אַרונטערנעמען צו זיך, אַזוי ווי זי האָט אַריבערגענומען אַ סך אַנדערע, וועל איך זיי זאָגן, אַז איך שטים איין צו ווערן דאָ, אין גרויס־בריטאַניע, ישראל׳ס אַמבאַסאַדאָר. צו וואָס פאָרן און ברעכן זיך אין וועג קיין ישראל צוליב ווערן דאָרט אַ קאַבינעט מיניסטער?

— אַן אַמבאַסאַדאָר, שמאַנבאַסאַדאָר! — האָט זיך מיין פלונית צושריען — דאָס וועל איך נישט דערלאָזן. מען וועט דיך דאָך אַרומשלעפּן פון איין מי־

טינג אויפן צווייטן, פון איין קאָנצערט אויפן צווייטן. מ׳וועט דיר קיין שעה מנוחה נישט לאָזן, דו וועסט דאָך דיינע כוחות פאַרלירן. אפשר איז דער גוטער ליבער דר. עליאַש ז״ל אַוועק פון דער וועלט דורך „עקזשאַסטיע״, מען האָט אים דאָ אויסגעמאַטערט. ווילסטו, אַז איך זאָל בלייבן אַ יונגע אלמנה? אָ, ניין, איך וועל דיך בשום אופן נישט לאָזן ווערן דער אַמבאַסאַדאָר, דאָס וועסטו ביי מיר נישט אויספירן. נאָר קיין ישראל מוזטו פאָרן, דו מיט דיין „בריין״ (זי האָט אַ טבע אַריינמישן ענגלישע ווערטער אין איר מענה־לשון), דו מיט דיין נאָמען, מיט דיין שכל, קיין עין הרע, וועסטו ראַטעווען ישראל פון אַלע אירע נויטן, אַן איבערקערעניש וועסטו מאַכן אין איר פּאָליטיק, אין איר עקאָנאָמיע און אין איר סטאַביליזאַציע. איך ווייס אפילו נישט וואָס דאָס איז אַזוינס סטאַביליזאַציע, נאָר איך הער תמיד פון די „שליחים״ פון ישראל דאָס וואָרט, מסתם איז דאָס זייער אַ גוטע זאַך.

זאָג איך ווידער צו איר: צו וואָס טויג אין ישראל אַ לייבעלע בטלן? ישראל באַדאַרף קיין בטלנים נישט. אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז דו זאָלסט מאַכן די נסיעה? דו מיט דיין מויל, מיט דיין כוח הדיבור וועסטו אויפרודערן נישט נאָר די ישראל מלוכה, נאָר אַלע אַראַבישע מלוכות, דעם גאַנצן מזרח־האָריזאָנט. אגב וועל איך דאָ זיך אויך אַ ביסל אָפּרוען, אָנקלויבן כוחות פאַר דעם אַמט פון אַמבאַסאַדאָר.

— ביזט משוגע, שונאי־ישראל, איך זאָל פאָרן? ווי קאָן איך אָפּפאָרן פון דאַנעט? ווער וועט אַראַנזשירן גאַרדן־פּאַרטיס? ווער וועט אָרגאַניזירן קאָנצערטן? און מיינסטו, אַז די „ליידיס גילד״ וועט מיך לאָזן אַוועקפאָרן? די גאַנצע פרויען אָרגאַניזאַציע וועט צופאַלן ווערן אָן מיר. איך בעט דיך, געווג דיר צו אַרגומענטאַצן מיט מיר, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, דו וועסט פאָרן, דו פאָרסט! דו פאָרסט! זע נאָר, אַנדערע מענער זיינען זיך מחיה, אַז זיי ווערן פטור אַ ווײַלע פון זייערע ווייבער, און דו ווילסט פון מיר נישט אָפּטרעטן אַ מינוט. ביזט טאַקע אַ בטלן! מילא, מאַך מער נישט קיין שהיות, פּאַק זיך איין און פאָר געזונטערהייט.

— יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן דיר צו זאָגן, דאָס גלייך ווי דו זעצסט זיך אויפן שיף זאָלסטו ענדערן דעם נאָמען. דו ווייסט גאָר נישט וואָס פאַר אַ אוצרות עס ליגט אין אַ קלינגענדיקן שיינעם נאָמען. אָט האָט אונזער לאַנדסמאַן, בערל לאַפּאַטוט, געענדערט זיין נאָמען אויף לעפּעטיט בערנאַרדאָ, און איז היינט אַן עושר, אַ גביר, ער האָט אַ גרויסע שיך־פאַבריק און זיין ווייב לעבט פאַר אים ווי אַ קווין. „יו סי״ וואָס אַ נאָמען מיינט! איך וואָלט פאַרגעשלאָגן, אַז דו זאָלסט זיך רופן דר. לע־בעלאַ דע באַטלאַנותאַ, מיט דריי בוכשטאַבן נאָכן נאָמען ב.ג.ב., וואָס אין ישראל לשון וואָלט עס געמיינט „בטלן גדול באָ״, אָדער אַנדערע אותיות צושטעלן, נאָר נישט דעם „ח״, דאָס לאָז איבער פאַר די אייזלען וואָס זיינען קעגן ישראל.

אָט אַזוי האָט זי אין מיר אַריינגערעדט ווי אין אַ פאָנאָגראַף, ווי טאָג אַזוי נאַכט, דעם זעלבן „מזמור״ מיטן זעלבן ניגון אַזש איך בין שיעור טויב גע־



וואָרן. נאָר דאָ לעצטנס האָט זי אויפגעהערט מאַריך צו זיין, נאָר איין וואָרט הער איך פון איר, און אפשר איז דאָס אפילו קיין וואָרט אויך נישט. „נו״, זאָגט זי, נישט מער. אָבער אַלע מינוט. זי האָט מיר אַזוי פאַרנוקעט, אַז איך פיל צו חלש׳ן.

און דעם „נו״ דריקט זי אויס אין פאַרשידענע טענער און ניגונים; אַמאָל זינגט זי דעם „נו״ ווי אַ „גרשיים״ פון דער הפטורה, אָפּטמאָל קומט אַרויס ביי איר דער נו ווי אַ „שלשלת״, נו־נו־נו־נו!! נאָר נאָך ערגער איז, ווען זי מאַכט איר האַנט פאַרן קאַמערטאָן און באַגלייט דעם נו מיט אַ קלאַפּ אין טיש: נו, ווען נעמסטו זיך שוין פּאַקן, שלים־מזל מיינער?! נו!!!

אָט דעם „נו״ זינגט זי אַרויס מיט אַלע טראָפּ פון דער הפטורה און אויף די אויבערשטע טענער מיט אַ פינאַל וואָס געדויערט אַ גאַנצן מעת־לעת. מען דאַרף אַן אייזערנע האַרץ האָבן נישט גערירט צו ווערן פון זינגען. איז ביי מיר געבליבן, דאָס אײדער אַריינצוגיין אין אַ „מענטל־האָום״ איז שוין גלייכער נאָכצוגעבן, און האָב זיך טאַקע גלייך גענומען פּאַקן, טראַכטנדיק בשעת מעשה, אַז עס איז „נאָך ווייט צום געלעכטער״. עס וועלן זיך דאָך אָנהויבן די באַנקעטן, די צאתכם־לשלום׳ס, די פּאַספּאָרטן, די וויזעס, די פאָטאָגראַפּיעס און ועל כולם הוצאות הדרך. ביז אַהער־אַהין וועט מיין פלונית נאָך ענדערן איר דעה. זאָל דאָס נישט אויסגערעדט זיין, אַזוי ווי זי הערט נישט אַזוי זאָל איר נישט שאַטן. זי האָט אַ טבע צו ענדערן אָפט איר מיינונג, ווי אַנדערע ווייבער — מ׳ווייס קיין מאָל נישט מיט זיי וואָס די נעכסטע מינוט וועט זיין.

### מיר פאָטאָגראַפירן זיך

די סאַמע ערשטע הכנה צו דער נסיעה איז געווען דאָס ביליגסטע: „אַ פּאַספּאָרט פאָטאָגראַפּיע״. האָב איך זיך פאַרקעמט די באָרד, אָנגעטון מיין שבת׳דיקן בגד מיט די נייע יאַרמולקע און וויל מאַכן דעם „ווילד״. זאָגט צו מיר מיין פלונית:

— זע נאָר, ער גייט שוין! און ווו בין איך? איך׳ל דיר דען לאָזן גיין אַליין צום פאָטאָגראַפּטשיק? ער קאָן דיך אַרונטערנעמען אין אַזאַ פּאָזע, אַז מיר וועט פלאַמען דער פנים פאַר חרפה. אגב וויל איך אויך זיין אויף דער פיקטשע. אַז דו וועסט קומען קיין ישראל זאָל מען וויסן דאָס דו ביזט אַ באַווייבטער. וואָרט אַ ווײַלע ביז איך׳ל זיך אָנטון.׳

מילא, עס איז געווען אַ ביסל מער ווי אַ ווײַלע, נאָר איך האָב זיך דערוואַרט און מיר גייען שוין מיט מזל.

דער פאָטאָגראַפּער, אַ יידישער מענטש, אַ ליטוואַק, נאָר רעדן רעדט ער נאָר ענגליש. עס איז מיר געווען אַ רחמנות אויף אים צו זען ווי ער ברעכט די ציינער — נאָר ווי עס שיינט האָט דאָס אים נישט געקימערט. פרעמדע ציין איז קיין סכנה נישט צו ברעכן. מאַכט מען זיך אַ נייעם סעט.

— סיט דאַון, סיר, ענד יו מאַדאַם, פּליזש בי קוויעט ענד לוק שטרייט צו די אַפּעראַט.

ווייס איך שוין אַז איך בין פּלוצלינג געוואָרן אַ סיר און מיין פלונית אַ

מאַדאַם. נאָר צי זי וועט קאָנען איינזיצן „קוויִיט“ ווייס איך נישט. זאָגט ער ווידער צו מיר:

— קיפּ יור העד צו די לעפט ענד שמייל!

— סמיילעט אַליין! — איז מיין פלונית אַרויס מיט לשון — וואָט דו יו מיען סמייל?

— שאָרי, מעדעם — זאָגט דער פאָטאָגראַפטשיק — איך מיין סמייכלען. אַ סמייכל מאַכט דאָס בילד גאָר אַנדערש אויסזען. „יו דאָנט אַנדערשטענד ענגליש, שאָרי אינדיד“.

איך האָב פּרובירט שמייכלען, אָבער עס גייט נישט. איך בין בטבע אַ מענטש וואָס קאָן נישט שמייכלען, נאָר כאַפּנדיק אַ בליק אויף מיינע ווי זי שמייכלט צום פאָטאָגראַפטשיק, חנ׳דלט זיך און גיט אים, ווי די ענגלישע זאָגן, „די גלעד איי“, האָב איך זיך צולאַכט. משמעות, אַז אָט די סאָרט זאַך געדויערט ביזן טיפן עלטער... נאָר דער נאַרישער פאָטאָגראַפטשיק, דער שוטה, האָט מיך אַזוי לאַכעדיקערהייט אַרונטערגעכאַפּט. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס איך האָב געהאַט פון מיין פלונית, ווען זי האָט מיך דערזען, אין אַ צוויי טעג אַרום, אַ לאַכעדיקן אויף דער פּיקטשע!

— משוגענער בטלן! — האָט זי זיך צושריען — דאָס איז ביי דיר געשמייכלט? דו זעסט דאָך אויס ווי דו לאַכסט פון דער גאַנצער וועלט. ווי אַזוי קאָן מען אַזאַ פּיקטשע אַריינשטעלן אין די „דזשוּאיש קראָניקל“? נאַ, גיב אַ בליק אויף דיין פּנים — טראָגט זי מיר אונטער די פּיקטשע — נאַ קוק, דערקענסטו זיך? וויי איז מיר, מען קאָן דאָך צופּלאַצט ווערן פון געלעכטער. איך ווייס אפילו נישט — זאָגט זי — צי וועט מען דיר געבן אַ פּאַספּאָרט אָדער אַ וויזע מיט אַזאַ פּיקטשע. און וואָס וועט די ישראל מלוכה זאָגן ווען זי וועט דערזען אַזאַ פּיקטשע? קאָן מען אַזאַ בילד פון אַ מיניסטער אויפהענגען אין כנסת? האָסטו דען געזען ווען עס איז ביי די אומות, אַז זייערע מיניסטאָרן זאָלן לאַכן? אויף זייערע בילדער קוקן זיי תמיד אויס ערנסטע גוטע מענטשן.

איך האָב קיין איין וואָרט נישט געענטפערט, מחמת רייד מיט אַ יידענע וואָס ווייס אפילו נישט, אַז „לאַכן איז געזונט“, „לאַך און די גאַנצע וועלט וועט לאַכן מיט דיר“, „ווען מ׳לאַכט זעען אַלע, נאָר ווען מ׳וויינט זעט קיינער נישט“. אַ נייע פּיקטשע וויל זי.

גלייך אויף מאָרגן זיינען מיר אַוועק צו אַן אַנדערן פאָטאָגראַפטשיק, וואָס האָט אונז נישט געזאָגט אַז מיר זאָלן „סמיילען“, און ווען איר גיט איצט אַ קוק אויף אונזער פּיקטשע וואָלט איר באמת הנאה געהאַט, אַ פּאָר־פאָלק — אַ מחיה, ווי מיר וואָלטן זיך קיין מאָל אַ וואָרט נישט איבערגערעדט.

וויפיל עס האָט גענומען צייט דער פּאַספּאָרט און די וויזע איז איבעריק אייך צו דערציילן. איך האָב זיך שוין צופיל פאַררעדט. די איבעריקע געשעענישן וועל איך אייך מאַכן בקיצור.

דער שרייבער־פאַראיין האָט מיר געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן „צאתכם לשלום“ מיט טיי און קייק און מיט שבחים אַז מיינע בעלעטריסטישע שאַפונגען



זיינען, בעצם, ריינע פּאָעזיע און מיין פּאָעזיע איז נישט בעלעטריסטיש און נישט רעאַליסטיש נאָר מיסטיש. איך האָב זיי בשעת מעשה געוואָלט באַווייזן מיין ערשטע פּיקטשע ווו איך לאַך.

זיי האָב איך אויך געוואָלט ווייזן מיין פּיקטשע ווו איך לאַך.

נאָר די „חברה תורה“ וואָס האָט מיר געמאַכט אַ „צאתכם לשלום“ האָב איך מיין פּיקטשע ווו איך לאַך נישט געוויזן, ווייל אַלע רעדנער האָבן בלויז דעם אמת געזאָגט, אַז איך בין אַ טיפּזיניקער געלערטער, אַ חכם אין וועלטלעכע אַנגעלעגנהייטן, אַ פּאָליטיקער, אַ „ריעל“ שטאַאַטסמאַן, אַז טשאָרטשיל מעג זיך פון מיר לערנען, אַ דיפּלאָמאַט וואָס פאַרשטעקט לאָרד ביקאָנספילד אין אַרבל, און מיין פאָרן קיין ישראל איז אַ געוואַלטיקע היסטאָרישע געשעעניש. ווייל איז צו אונז וואָס מיר האָבן די זכיה צו שיקן אַזאַ פּערזענלעכקייט קיין ישראל, און ווייל איז צו ישראל וואָס וועט אויפנעמען אַזאַ כוח אין אירע רייען — קען מען דען זיין קעגן אַזעלכע שבחים?

מיין פלונית איז געזעסן און דיק און גראָב געוואָרן פון נחת. נו, האָב איך דיר דען נישט געזאָגט, אַז דאָרט וואַרט אויף דיר גאָר אַ הויכער אַמט? זעסט ווי מען קאָן דיך! זאָל נאָר גאָט דיר מצליח זיין צו קומען בשלום — און זי האָט געוואָלט שוין פאַר אַלעמען אין די אויגן צוקושן זיך פאַרן אָפּפאָרן.

— שאַ, כאַפּ־זשע נישט! — האָב איך געזאָגט — מיר האָבן נאָך נישט באַשטימט ווי צו מאַכן די נסיעה, צי מיט אַן עראָפּלאַן אָדער מיטן שיף, אגב האָבן מיר נאָך נישט די נויטיקע הוצאות. פאַרגעס נישט, אַז דעם „געז־ביל“, פאַר קוילן און דעם „גראָסער“ האָבן מיר נאָך נישט באַצאָלט. דאָס ערשטע וואָס מיר דאַרפן טראַכטן איז ווי צו שאַפן די מזומנים.

— „נאָנסענס!“ — גיט זי מיר אַ זאָג אין אויער — מיר וועלן נעמען אַ בענעפיט אין טעאַטער, און אויסרעדן בפירוש, אַז מען זאָל שפּילן די דראַמע „דער ישיבה בחור“, וואָס די אַקטיאָרן רופן דאָס „דער יידישער האַמלעט“, משל! איך האָב געזען דעם אמת׳ן האַמלעט שפּילן האַמלעט, ווען איך בין נאָך געווען אַ מיידל, איך גלויב, אַז ער לעבט נאָך דער האַמלעט, ער איז דאָך אונזערער אַ לאַנדסמאַן, אַ גאַליציאַנער. זאָג איך דיר, אַז ווען דו נעמסט די ראָלע פון ישיבה בחור, וואָלט עס געווען אַ קאַפּעטשקע בעסער ווי די עקטערס, דו ביזט דאָך טאַקע געווען באמת אַ ישיבה בחור, דו וואָלסט דורכגעלעבט די ראָלע, מענטשן וואָלטן געלאָפן זען די ווונדער, דאָס טעאַטער וואָלט געווען געפּאַקט, עס וואָלט נאָך אונז געבליבן אויסער די הוצאות פון דער נסיעה אָפּצוצאָלן אַלע חובות. אַ דאגה די הוצאות!

איך האָב איר געוואָלט ענטפערן, נאָר דער פאָרזיצער פון באַנקעט האָט מיך גערופן צום וואָרט, אַז איך זאָל ענטפערן אויף די רעדעס און זיך געזעגענען מיטן עולם. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און דער עולם האָט מיך שטאַרק אַפּלאָדירט. נו, געוויס, פּאַטשן מיט די הענט און שרייען בראַוואָ קאָסט קיין געלט נישט און מען קאָן זיך דערלויבן צו זיין, ווי מיין פלונית זאָגט, עקסטרעוועגענט!

רקודה פאַטאַש (ירושלים)

## מימיני—מיכאל, משמאלי—גבריאל ועל ראשי—שכינת אל

(אביבית אַ מתנה)

אַ פרילינג נאַכט
אַ פרילינג נאַכט ;
כ׳האָב אַ מעשה
מיר פאַרטראַכט —

דער בלומען גאָט
דרעמלט איין,
אָנגעשיכורט זיך מיט וויין —

דער גראָזן־גאָט
וואָס מאָלט די גראָזן,
האָט אויף מיר אַרויפגעבלאָזן
אַ פרילינגדיקן שאָרך —

מיט וואָגשאָלן
אין די הענט,
קומט מיכאל
פון זון פאַרברענט —

— מלאך מיכאל !
זעץ מיך
אויף דיין
גאָלד־וואָגשאָל —
וועג מיך
ווי מען וועגט דאָס גאָלד —

מלאך מיכאל
איז מיד
איז מאַט —
אויף זיין קאָפּ
אַ פרילינג־בלאַט !
שפּרייט ער אויס דאָס שווייגן
מיך אַרויף צו לייגן —

מיט וואָגשאָלן
אין די הענט
קומט גבריאל
פון זון פאַרברענט —

— מלאך גבריאל !
זעץ מיך אויפן דיל — —
— מלאך גבריאל !
כ׳הער סע רעדט
די וואַסער־מיל — —
זי פּאַטשט מיט פליגל
כ׳הער דאָס עכאָ
פון אַן איינזאַמען היגל — —
— מלאך גבריאל !

מלאך גבריאל
איז ווייס ווי צוויט
אַ לאָק — אַ גלעקל
אין שטערן־מיט —
ער זינגט אַ ליד
צום שלאָפן גיין — —

— שכינה, שכינה
שכינת־אל,
קום צו מיר
אויף אַ ווייל — —

לייג מיין קאָפּ
אין בלומען־טאָפּ ;

ער וועט בליען
ער וועט בליען !

שכינה, שכינה
שכינת אל — —



משה עובד

## ווי אזוי א פראזאיקער איז געוואָרן א דיכטער

מיט יאָרן צוריק האָב איך פערזענליך געקאָנט אַ יונגען יידישן פּראָזאַיקער, ער איז געווען אַ היסטאָרישער מאַטעריאַליסט און האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה פּאָעטישע גוזמאות אָדער רעליגיעזע פּראָזעאָלאָגיע. זיין ווערטער־אוצר, אויסזען און קליידונג זיינען ביי אים געווען פּונקט צוגעפּאַסט, און אין יעדער דעטייל ווי ביי אַן אַטאָמישן וויסענשאַפטסמאַן. האָט זיך ביי אים פאַרגלוסט אַ האָר אַריבערצו׳מולכ׳ן די גרעניץ פון זיין שרינט, האָט ער זיך באַלד איינגע־נעצט די פינגער ווי איינער וואָס לאָזט זיך אין אַ גע׳עג אָדער געשלעג, גע־פאַנגען די האָר און זי אַוועקגעלייגט אויף איר ריכטיקן אָרט.

יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט האָט געמוזט זיין ראַציאָנאַל, האָבן אַ ציל און אַ זינען און זיין ווי ציגל אין אַ מאָדערנעם בנין, צעמענטירט צו זיינע מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס.

מאַכט זיך איין טאָג און איך טרעף דעם פּראָזאַיקער אין אַ רעסטאָראַן און ער איז קוים צו דערקענען. זיינע האָר זיינען צושויבערט און פלאַקערן מיט התלהבות ווי דער סנה, פונקן פליען אין אַלע זייטן און יעדער פונק הייס ווי דאָס פּינטעלע ייד. די ווייסעלן פון זיינע אויגן שיינען ווי צוויי גע׳כשר׳טע זיל־בערנע לעפל אויף אַ יום טוב׳דיקער שמחה. אין יעדער רגע שיקט זיין מויל אַרויס לארבע פינות העולם מחנות ווערטער ווי פייגעלעך און ער שיסט אויף זיי מיט די קוילן פון זיין געלעכטער און ער שעפּט נחת ווען זיין געלעכטער טרעפט זייערע קלאַפּעדיקע הערצעלעך און ציטערדיקע פּיפּעקלעך און זיי פאַלן אַראָפּ געלעכערטע פון געלעכטער.

פרעג איך אים: „וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט? איר זעט דאָך אויס נאָך אומלאָגישער פון אַ יידישן דיכטער".

„איר ווייסט גאָרנישט", קוקט ער מיך אָן מיט פּאָעטישער דערשטוינונג. „די גאַנצע וועלט ווייסט און איר ניט! מיין ווייב האָט דאָך פון מיר געמאַכט אַ טאַטעלע, אַ טאָטאַליטאַרן טאַטעלע! הערט אַ מעשה. דאָ אַנומלט קום איך אַהיים פון מיין פאַרלעגער אַ טרויעריקער. דער חברה־מאַן האָט פון מיר געוואָלט געלט, אַזאַ פּאַסקודניאַק! געלט גיט׳ס אים, און אַזוי ווי איך עפן די טיר און וויל אויסלאָזן מיין כעס אויף מיין אומשולדיק ווייב, דערזע איך אין פאָדערשטוב אַ הייבאַם און זי האַלט אַ פינגער איבער די ליפּן און מאַכט: 'ש־ש־ש, גייט אויף די שפּיץ פינגער, איר זענט שוין אַ טאַטע, ס׳ווייב אייערס איז אָט־וואָס געלעגן געוואָרן. אויף שפּיץ פינגער גייט!' "

„קומט דאָך אייך אַ מזל טוב", זאָג איך.

מאַכט ער: „און נאָך וואָס פאַר אַ מזל טוב! אָבער איר וועט קיינמאָל ניט טרעפן מיט וואָס זי איז געלעגן געוואָרן. נו טרעפט! וואָס האָט איר מורא? איר וועט דאָך סיי־ווי ניט טרעפן".

זעענדיק ווי זיינע שוואַרצאַפּלען צאַפּלען פון פרייד טרעף איך: „אַ מיי־דעלע".

„ניין“, מאַכט ער, „טאַקע אַ ייִנגעלע, און נאָך וואָס פאַר אַ ייִנגעלע! אויגן אַזוי גרויס“ און ער אילוסטרירט פאַר מיר מיט זיין ערשטן און דוימען פינגער, „אויגן די גרויס פון בייגל“, און ער רעדט ווייטער: „און ס׳גאַמבעלע, איר וואָלט געדאַרפט זען ווי ס׳באַוועגט זיך און באַמבלט זיך. זייט גאַמבעלעך באַמבלען זיך האָט נאָך קיין גאַמבעלע אַזוי זיך נישט געבאַמבלט. און דער עיקר די טעכניק פון דעם ייִנגעלע, וואָס רעד איך טעכניק, די גאַנצע טעכנאָלאָגיע שלינגט ער דיר איין מיט איין בליק“.

° ° °

דער שרייבער פון די שורות האָט מפּני כמה טעמים ליבער מיידלעך, נאָר זינט ער האָט געזען די פאַר׳שיכור׳ענדע ווירקונג וואָס אַ ייִנגעלע קען האָבן אויף אַ ניכטערן פּראָזאַיקער, איז ער מוחל די קימפּעטאָרין וואָס ווערט געלעגן מיט אַן איינפאַך, פּשוט, אַלטעגליך ייִנגעלע, און ווינטשט איר נאָך מזל טוב.

---

## א. נ. שטענצל

### דער מאַנגאַליע-בוים אין וויקטאָריע פּאַרק

זיין פאַרפלאָנטערט געוואַלטיק געצווייג
טראָגנדיק אויף זיין שלאַנקן צאַרטן שטאַם,
אַ הויערנדיקער הערש אויף די קני געפאַלן,
וואָס ברעכט אינמיטן זיין לויף צוזאַם.

און ווען זיינע קנאָספּן ברעכן אויף,
בלייבן די ביימער אַרום פאַרבליפטע שטיק:
ווי געוואַלטיק, ווי וווּנדערלעך, ווי תאווהאיק!
און זייער געצוויט זיי האַלטן איין —

אין זיין ווילדער פרייד, זיין גלוסטעניש,
פליגל האָט ער באַקומען אין מיטן נאַכט,
באַלד אַוועקפליען ר׳וועט, פון ווו געקומען,
כאָטש זיך אָנזעטיקן מיט זיין פּראַכט — — —

### דער דעמב

אויפגעשפּראָצט שוין שטייט ליכטיק דער גינסטער,
דער קאַשטנבוים קנאָספּעט און צעצוויט,
נאָר שוואַרצלעך און שטייף שטייט נאָך אַלץ דער דעמב,
גלייך אַ מרה־שחורהניק וואָס שווייגט.

גרין אויסגעשפּרייט ליגט די ערד אים צופיס,
פריש צעוויקלט מיט בלום און מיט צוויט —
אַ טיפער טעפּיך, שטיל צו פאַרשלונגען
זיינע מעלאַנכאָליש שווערע שריט.



אַרום אים די גרינע סאָסנעס אין דער זון,
קנאַקן זיך די יונגע ביינער אויס,
אָדער קנאַלן זיי מיט די פינגער,
צו רייסן פון טרויער אים אַרויס?

עס שפּיגלט זיך די ווערבע אין וואַסער,
קעמט קאָקעטיש לעקלעך אין די האָר,
אַקייגנאיבער איר אָבער דער דעמב,
שטייט פונקט ווי נישט אים מיינט מען עס גאָר.

אין שוואַרצער צעגלאָנצטער געקרויזטער באָרד —
אין זיין געצווייג, שפּילט דער זון־פאַרגאַנג!
ער אָבער וואַרט אויף יענעם פויגל אַלץ
דערפרייען זיין האַרץ ס׳זאָל זיין געזאַנג —

אַ גאַנצן ווינטער באַהיטן דאָס נעסט
און אַצינד עס פייפט דער ווינט דערין — — —
שטייט ער, דער דעמב, אַ מרה־שחורהניק,
ווי גאַנץ שוין אַראָפּצוגיין פון זין.

### בליענדיקע פלוימען ביימער

פאָר דיר.

און אויב דאָס איז מיין לעצטער פרילינג שוין,
נאָך פריידיקער וויל איך אים דערזען;
מיט מיינע אָרעמס אים אַרומנעמען,
ווי דיך, וואָס ביזט אפשר מיין לעצטע געווען.

און ווען טרויעריק ס׳וועט קוקן די זון,
צעשטראַלן איך וועל זי מיט מיין בליק,
און ווי דו פונקט, צענפּאַכיק און צעגליט,
אירע שטראַלן שיקן מיר זי וועט צוריק.

ווי פלאַמיק ס׳בליען די פלוימען ביימלעך — —
וועל איך די צייטיקע פלוימען זען?
אויף די ליפּן כ׳פיל נאָך דיינע אויגן,
צייטיק־פריש און ז׳וואָלטן אין טוי געווען.

יאָ, אויב דאָס איז מיין לעצטער פרילינג שוין,
געמאָסטן וועלן זיין מיינע שריט,
שטיל צו דערשפּירן דאָס האַרץ פון דער ערד,
ווו האַרטסטע קער ברעכט אויף, ווי אויף צווייג דער צוויט.

## דאָסביימל אין מיין הייפל

אין ווינקל פונם הייפל, באַהאַלטן און פאַרשעמט,
שטייט אַ ביימעלע, אַ בלייכס, פאַרבאָרגן און בלאַס,
דערשראָקן זעט עס אויס, פון ערגעץ־ווו אַנטלאָפן,
זיך צו באַהאַלטן דאָ פון יאָגנדיקער גאַס.

טיף ביי זיינע וואָרצל־הערלעך פרעסט עס דער וואָרעם!
און ווען אויף אַ וויילע צווישן זיין געצווייג די זון,
נאָך קלענער עס ווערט, נאָך איינגעקאָרטשעטער און בלייך:
ווו פאַרשטעקט כ׳בין, האָט זיך נישט ווער דערוווסט דערפון?

## וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד פייערונגען 1951

"(צו די געהאַלטענע רעדעס פון לינקס און רעכטס)...

אַ גזירה ס׳איז, די טויטע ווערן פאַרגעסן!
אָבער די וואָס זיינען לעבעדיק באַגראָבן?
זאָלן מיר זיי ביים לייבהאַפטיקן לייב צעפרעסן,
מיט אונזערע שנאָבלען, קראַקעדיקע ראָבן?

ס׳בלוט פון די געקוילעטע ס׳אַש פון די פאַרברענט,
אין אוישוויץ, טרעבלינקע, מיידאַנעק און בעלזען,
אין הימל אַריין זיך רייסנדיק, פלאַמיק־צעברויזט,
קוואַליקער וווּלקאַן פון צעמאַלענע פעלזן —

די רויטע אַרמיי מיט זייער גלאָריע צו גרויסן,
מיט געטאָ־אויפפלאַם זי צו פלאַמען נאָך רויטער?
יאָ, מעכטיקער ס׳איז פון דער געוואַלטיקסטער אַרמיי,
פון די 6,000,000 אַזאַ איינציקער טויטער — — —

און אַז צוקאָפּנס פון זיי כאָטש פלאַנצן צו קענען
אַ פּאָר דאַר־ביימלעך פון ראָזינקעס און מאַנדלען,
אַ קונסטשטיק, פאַר אַזאַ סוחריש פאָלק ווי מיר זיינען,
די 6,000,000 אין מיליאַרדן צו פאַרוואַנדלען?

גוט, אַ גזירה ס׳איז, מתים ווערן פאַרגעסן!
אָבער אַ רציחישן מאָרד צו פאַרגעבן?
די 6,000,000 קדושים קיינמאָל צו פאַרגעסן,
נישט ביי אַ רעכטער האַנט — מיר שווערן ביים לעבן!

פאַרשאָלטן מיר זאָלן בלייבן לעולם־ועד,
אויב פאַרגעסן מיר וועלן דאָס וואָס געוועזן,
דאָס וווּנדערלעכע לעבן, דעם פאַרגוואַלטיקטן טויט —
פאַרשריבענע כתבי־קודש אייביק צו לעזן — — —



## איבער די 6 אנגעצונדענע ליכט

נישט ווי איבער די בענטש־ליכט שפּרייטן זיך שטיל די הענט,
מאַמעדיק, שבת־קודשדיק און ליכטיק־צעהעלט,
זיי שטרעקן זיך נקמהדיק־בלינד, בלוטיק וווּנדיק,
ווי שמשונס ווען מ׳האָט אים צווישן די זיילן געשטעלט.

פון פלאַמען אַרויס ברענענדיק פאַרבראָכענע הענט —
פייער־צונגען, פונקן צעשפּריצטע פול מיט געשעלט:
אַז מען קען קיין ברכה נישט מאַכן איבער די ליכט,
אָבער אַ קללה, אַז פאַרלאָשן ס׳זאָל ווערן די וועלט — — —

ווי טליענדיקע ליכט פון פאַלנדיקע טרערן,
ס׳צאַנקנדיקע האַרץ פון איינגעהאַלטענע צעשמעלצט!
און נישט די אויגן, ווי פאַר געצונדענע בענטש־ליכט,
מיט די הענט דיינע שעפּטשענדיקע ליפּן פאַרשטעלסט.

## ל״ג בעומר אין מירון

„ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה" — רבי עקיבא.

ווי לאַנג דויערט דען אַ נצחון פון אַן אַרמיי,
איין דור, צוויי, דריי דורות, זיבן דורות צי גאָר צען — — —
דער זיג פון רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים
מיט מיינע אייגענע אויגן נאָך כ׳האָב אים געזען:
„ואהבת לרעך כמוך — — —"

די נצחון־פייערן אויף זייערע קברים,
געצונדן זיי ווערן נאָך ביזן היינטיקן טאָג!
אַלע נאָפט־קוואַלן פון אַראַביע און פון פּערסיע,
זיי האָבן נישט די ליכטיקייט פון דעם איינעם זאָג:
„ואהבת לרעך כמוך — — —"

דערשלעפּט זיך קוים אַרויף אַ זקנה, אַלט און שוואַך,
זי ווייסט עס איז פון איר לעבן שוין דאָס לעצטע יאָר,
רייסט זי פון איר קאָפּ דאָס טערקישע דעק־טוך אַראָפּ,
און ס׳פלאַמט צוזאַם אויף מיט איר איינִיקלס ערשטע האָר:
„ואהבת לרעך כמוך — — —"

איך בין געקומען אַ נשמה־ליכטל שטעלן,
פאַר מיין שוועסטער וואָס איז געוואָרן היילִיק פאַרברענט!
ווען כ׳האָב געשעפּטשעט איר נאָמען בשעתן צינדן
אירע האָר צעפלאַם געפילט אין ציטער פון מיינע הענט:
„ואהבת לרעך כמוך — — —"

## י. ראַפּאַפּאָרט

# דער דאָרן איז תמיד גרייט צו קיניגן . . .

(פון די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס)

שוין לאַנג, זייער לאַנג ווי עס שטייט פאַר מיר די פראַגע: פאַרוואָס זיינען די פירער פון מלוכות, פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס על פּי רוב אַזוי נישטיק, פאַלש, עגאָאיסטיש און — דער עיקר — פאַררעטעריש לגבי די צילן, לטובת וועלכע זיי האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט?

די אַנאַרכיסטן האָבן דערויף אַן ענטפער: מ אַ כ ט מאַכט קאַליע! נעמט און גיט איבער אין די הענט פון בעסטן די מ אַ כ ט , וועט ער גאָר גיך קאַליע ווערן. מ אַ כ ט רייצט צו מיסברויכן זי, און זייער ווייניקע קאָנען ביישטיין דעם נסיון אויסצונוצן די מאַכט לטובת זיך גופא, לטובת די אייגענע קאַפּריזן.

מען קאָן די דאָזיקע דערקלערונג נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דאָס מיסברויכן מיט דער מאַכט איז אַזאַ אָפטע, כמעט אַלגעמיינע דערשיינונג, אַז די אויבנגעבראַכטע דערקלערונג לייגט זיך נישט נאָר אויפן שכל, נאָר זי ווערט אונטערגעשטיצט דורך אַ ריזיקער דערפאַרונג: וויפיל מאָל האָבן מיר געזען, ווי גוטע, פיינע מענטשן (כל זמן זיי האָבן נישט קיין מאַכט אין די הענט) ווערן אינגאַנצן איבערגעקערט, ווי נאָר זיי דערפילן די מאַכט אין זייערע הענט?

דערמאָנט זיך נאָר דעם קלאַסישן ביישפּיל פון „שמואל א׳.״ שמואל הנביא וואָרנט דאָס פאָלק ישראל, לויט גאָטס באַפעל, קעגן איבערגעבן די מאַכט צו אַ מלך:

„און אַצינד... וואָרענען זאָלסטו זיי וואָרענען, און זיי דערציילן דעם שטייגער פון דעם מלך וואָס וועט קיניגן איבער זיי...

„אייערע זין וועט ער צונעמען און וועט זיי פאַרטון פאַר זיך ביי זיין רייטוואָגן, און ביי זיינע פערד, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. און... אַקערן זיין אַקער, און... שניידן זיין שניט...

„און אייערע בעסטע פעלדער און וויינגערטנער און אײלבערט גערטנער וועט ער צונעמען און אַוועקשענקען צו זיינע קנעכט...״

און גלייך ביים ערשטן קעניג איז שמואל׳ס נבואה מקוים געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט.

האָט מען דען געדאַרפט האָבן אַ פּאַסיקערן, מער פאָלקסטימלעכן מלך ווי שאול׳ן? ווען מען זוכט אים אַרום, שוין נאָך זיין געזאַלבט ווערן, קאָן מען אים נישט געפינען; ער האָט זיך פון עניוות אויסבאַהאַלטן צווישן די זאַכן („נחבא אל הכלים״).

אָבער ווי שנעל שאול האָט זיך געענדערט! ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם טראָן אונטער זיך, האָט אים די מאַכט אַ שלאָג געטון צום קאָפּ. דער קאָפּ זיינער איז געוואָרן בלויז אַ צוגאָב צו דער קרוין.

שאול האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ, און אויך דאָס האַרץ, — ער איז געוואָרן



אויס מענטש אין זיין אוממענטשלעכן קאַמף פאַר דער קרוין.

און אַזוי איז געווען פ אַ ר שאול׳ן, און נאָך שאול׳ן, ביז די „פאָלקס־דעמאָקראַטישע״ קיניגן פון קרעמל...

* * *

אָבער די דערקלערונג פון די אַנאַרכיסטן איז בלויז אַ טיילווייזער אמת (ווי די מערסטע טייל אמת׳ן)...

אַן אַנדער טייל אמת באַשטייט אָט אין וואָס: מאַכט האָט נישט נאָר די אייגנשאַפט פון פאַרדאַרבן דעם גוטן מענטשן, פון מאַכן אים אויס מענטש, נאָר זי מאַכט אויך דעם מאַכטהאָבער הילפלאָז, באַזונדערס דעם מאַכטהאָבער, וועלכער וויל בלייבן גוט, ד.ה. גיין קעגן שטראָם, אויך זיצנדיק „אויפן טראָן״.

ווי רירנדיק עס איז די געשטאַלט פון צדקיהו מלך יהודה, ווען ער מאַכט מיט ירמיה׳ן אַ „פאַרשווערונג״ קעגן די האַרן (איבער וועלכע ער קיניגט כלומרשט און וועלכע האַלטן אים פאַקטיש אין געפאַנגענשאַפט אויפן טראָן); ער זאָל נישט אויסזאָגן די האַרן וואָס ער האָט מיט אים גערעדט. דאָס איז נויטיק נישט נאָר פאַר ירמיה׳ן — אויך דער קעניג נויטיקט זיך אין דאָזיקן שוץ...

אין דער ממשלה פון מאַכטהאָבעריי קומט פאָר אַ מין נאַטירלעכער אָפּקלייב פון די נישטיקסטע און ערגסטע.

אויב עס כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ בענקל אַזעלכער וואָס איז נישט צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער מלאכה, איז אָדער די אַטמאָספערע פון דער מאַכט מאַכט אים „קליגער״ אָדער די מאַכט־סביבה מאַכט אים הילפלאָז, — זי צווינגט אים אָדער צו בלייבן פּאַסיוו אָדער צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע, פאַר וועלכער ער איז צו מ ע נ ט ש ל ע ך .

נאָר דער וואָס קאָן זיך צופּאַסן צו דער אַטמאָספערע פון מאַכטהאָבעריי, בלייבט לעבן אין דער דאָזיקער מלוכה; די אַנדערע ווערן אויסגעשפּיגן פון איר, ווי אַלע נישט־לעבנס־פעאיקע.

דערמיט דערקלערט זיך די אָפטע אַנטוישונג מיט די בעסטע מענטשן, ווען זיי קומען צו דער מאַכט; און דערמיט דערקלערט זיך אויך וואָס אַזוי פיל פון די בעסטע און די איידלסטע שרעקן זיך פאַר מאַכט, מיידן אויס זי אָנצונעמען, ווען מען שטופּט זי זיי אין די הענט (צי אין דער פאָרם פון אַ טראָן, צי אין דער פאָרם פון אַ פּרעזידענטן־בענקל): זיי האָבן מורא צו אַנטוישן אַנדערע און צו אַנטוישן זיך גופא; זיי האָבן מורא צו פאַרלירן דעם אייגענעם „איך״ אָדער צו פאַרלירן די פרייהייט פון פּרעדיקן דאָס גוטע און ריכטיקע.

אַ גוטע טאַט איז העכער פאַר אַ גוט וואָרט; אָבער ווען דער הערשער פאַרמאָגט נישט די פרייהייט פון טאַט, פאַרלירט ער אויך די פרייהייט פון וואָרט. ער פאַרלירט ביידע וועלטן...

און די בעסטע ווילן בעסער בלייבן כאָטש ביי דער קלענערער פרייהייט פון וואָרט, איידער צו פאַרלירן מיט דער גרעסערער אויך די קלענערע...

זיי מאַכן פריי דעם וועג פאַר די גוט צוגעפּאַסטע צו מאַכט...

* * *

אַז דער תנ"ך האָט געוווסט וועגן דעם צווייטן טייל אמת (אַז מ אַ כ ט מאַכט הילפלאָז און די בעסטע מיידן אויס די דאָזיקע פאַסטקע), קאָן מען זען פון „שופטים" קאַפּיטל ט׳.

אַ שענערע און שאַרפערע סאַטירע אויף די מאַכט־שפּיצן, ווי מען געפינט זי אינם אויבנדערמאָנטן שופטים־קאַפּיטל, וועט שווער זיין צו געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ווען אבימלך בן־ירובעל דינגט אָן „נישטיקע און לויזע לייט", הרג׳עט אויס „זיינע ברידער, די זין פון ירובעל׳ן, זיבעציק מאַן, אויף איין שטיין", און מען מאַכט דעם מערדער פאַר אַ מלך (מען זעט דאָך אַז ער איז פּעאיק צו הערשן!), קומט דער יינגסטער זון פון פאַרשטאָרבענעם ירובעל גדעון, יותם, און פונם שפּיץ פון באַרג גריזים דערציילט ער דעם פאַרזאַמלטן המון פון שכם פאָלגענדן אומשטערבלעכן משל: „געגאַנגען זענען געגאַנגען די בוימער צו זאַלבן אַ מלך איבער זיך, און זיי האָבן געזאָגט צום אײלבערט־בוים: קיניג איבער אונז. האָט דער אײלבערט־בוים צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפגעבן מיין פעטקייט, וואָס מיט מיר טוט מען כבוד גאָט און לייט, און גיין זיך וויגן איבער די בוימער? האָבן די בוימער געזאָגט צום פייגנבוים: קום דו, קיניג איבער אונז. האָט דער פייגנבוים צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפגעבן מיין זיסקייט און מיין גוטע פּרוכט, און גיין זיך וויגן איבער די בוימער? האָבן די בוימער געזאָגט צום וויינשטאָק: קום דו, קיניג איבער אונז. האָט דער וויינשטאָק צו זיי געזאָגט: זאָל איך אויפגעבן מיין וויין וואָס דערפרייט גאָט און לייט, און גיין זיך וויגן איבער די בוימער? האָבן אַלע בוימער געזאָגט צום דאָרן: קום דו, קיניג איבער אונז. האָט דער דאָרן געזאָגט צו די בוימער: אויב איר ווילט מיך אין דער אמת זאַלבן פאַר אַ מלך איבער אייך, קומט און שיצט אייך אין מיין שאָטן".

דער אײלבערטבוים, דער פייגנבוים און דער וויינשטאָק ווייסן, אַז אי זיין פעט און זיס צו דער שמחה פון גאָט און לייט און אי הערשן, וועלן זיי נישט קאָנען... קלייבן זיי אויס דאָס ערשטע... אָבער דער דאָרן איז תמיד גרייט אַוועקצושענקען זיין שאָטן (דער שאָטן פון אַ דאָרן! — ס׳אַראַ פאַרניכטנדיקער סאַרקאַזם...) פאַר אַ ביסל מאַכט. וואָרום אָן אַ טראָן — צי אין אַ מלוכה, צי אין אַ חברה קדישא — האָט ער נישט וואָס צו טון און צו געבן...

דער אײלבערטבוים, דער פייגנבוים און דער וויינשטאָק קאָנען זיך פאַרגינען אָפּצוואַרפן דעם פאָרשלאָג פון אַ טראָן אָדער פון אַ טרענדעלע, — אָבער דער דאָרן?... נישט נאָר ער לויפט צו אַ בענקל ביים ערשטן ווונק, נאָר ער רייסט זיך צו אים מיט אַלע מיטלען...

ער איז גרייט אפילו צו שעכטן זיבעציק ברידער אויף איין שטיין...

און דאָס פאָלק?

דאָס פאָלק לויפט זיך שיצן אינם שאָטן פון אַיעדן דאָרן... אַבי ער איז נאָר גרייט צו קיניגן...



## ל. שפּיזמאַן

# דער נס פּוילן

(צום דערשיינען פון 4־טן באַנד „יידן" פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע)

די פּריינט פון דער יידישער וויסנשאַפט, פון יידישן בוך האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויפן נייעם באַנד „יידן" פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש, אַרויסגעגעבן דורכן דובנאָוו־פאָנד און דער „ציקאָ". די פריערדיקע 3 בענד „יידן" האָט געפעלט אַ המשך, אַ ווייטערדיק רינגעלע, און די רייכע פאַרש־אַרבעטן, פאַרעפנטלעכט אין די ערשטע 3 בענד „יידן", האָבן אַנטפּלעקט אַזויפיל יידיש סיסטעמאַטיזירט וויסן און זיינען אַזוי וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורכן יידישן לייענער־עולם, אַז מען האָט נאָך שאַרפער געפילט די נויטווענדיקייט אין די ווייטערדיקע בענד „יידן".

דער איצט־דערשינענער 4־טער באַנד „יידן" (דער 9־טער באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע) איז דער ערשטער פון אַ נייער 3־בענדיקער סעריע, וואָס זאָל שילדערן דאָס יידישע לעבן אין די יאָרן פון אונדזער גרויסן חורבן, אין די יאָרן 1939־1945. דער ציל איז: צו שטעלן אַ מאָנומענט די אומגעקומענע יידישע קהלות און שילדערן די אויפשטייגנדיקע ישובים אין דער נייער וועלט און „די יונגע מלוכה אין געבורט־לאַנד פון יידישן פאָלק". ווען מיר וועלן שוין האָבן אויפן טיש אַלע 6 בענדער „יידן" פון ביידע 3־בענד־סעריעס, וועלן מיר ערשט דאַן קענען זען, וואָס פאַר אַן אוצר פון יידישן וויסן מיר האָבן פאַר זיך, וועלן מיר ערשט דאַן קענען אָפּשאַצן אין דער גאַנצער גרויס דעם היסטאָרישן אויפטו פון די בויער פון דער אַנגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש.

די ענציקלאָפּעדיע איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון שמעון דובנאָוו, דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער און עס איז גוט, וואָס צו דובנאָווס 90־טן געבורטסטאָג איז דערשינען דער 4־טער באַנד „יידן" פונוואַנען עס לייכט אַרויס ווי אַ פּערל די וווּנדערבאַרע אַרבעט פון אברהם מענעס „די מזרח־אייראָפּעאישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע". דער דובנאָוו־פאָנד איז געשאַפן געוואָרן אין 1931 — צו דובנאָווס 70־טן געבורטסטאָג, מיטן ציל אַרויסצוגעבן אַן ענציקלאָפּעדיע אין יידיש. היינט — מיט 20 יאָר שפּעטער, האָבן מיר פאַר זיך די ערשטע 9 בענדער פון דער אויסגאַבע — אַלע ברייט פאַרטראַכט, אַן אוצר מיט יידיש און אַלגעמיין וויסן, אַרויסגעגעבן פּרעכטיק. די פירער און בויער פון ענציקלאָפּעדיע־קאָמיטעט פאַרזיכערן אונדז, אַז אין די נאָענטסטע 10 יאָר זאָל דערשיינען ווייטערדיקע 11 בענדער — 9 פון דער אַלף־בית־סעריע און נאָך 2 פון דער נייער 3־בענדיקער סעריע „יידן". דערמיט וועט ווערן פאַרווירקלעכט אַ חלום פון עטלעכע דורות יידישער אינטעליגענץ, — צו האָבן אין אונדזער באַזיץ אַ רייכע ענציקלאָפּעדיע איבער אַלגעמיינע און יידישע פראַגן אין דער יידישער שפּראַך. און אונדזערע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה — הלוואי זאָל די ענערגישע בויער טאַקע געלינגען ווייטער וואָך צו האַלטן דאָס פּייערל פון „נס פּוילן" און די עקשנות און אויסדויער פון מזרח־אייראָפּעיִשן

מתמיד זאָל טרייבן אונדזערע ענציקלאָפּעדיע־בויער, זיי זאָלן טאַקע זוכה זיין
אונדז אונטערצוטראָגן אין די נאָענטסטע 10 יאָר די פולע מתנה — דעם פאַר־
ענדיקטן ש״ס פון יידישן וויסן אין מאַמע־לשון — יידיש. זאָל דער נס טאַקע
געשען !

אין איצט־דערשינענעם 4־טן באַנד „יידן" קומען אַריין אַ רייע אויספּיר־
לעכע אַרבעטן איבער די געשיכטע פון יידן אין די וויכטיקסטע אייראָפּעישע
צענטרען. די גרעסטע אַרבעטן זיינען איבער דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.
און נישט קיין צופאַל — טויזנט יאָר יידיש פוילן און די יידישע ישובים אין
רוסלאַנד, אוקראַינע, ליטע, רומעניע זיינען דאָך געווען דער קוואַל פונוואַנען
עס האָבן מיט אַזאַ רייכער האַנט געשעפּט די יידן, צעשפּרייטע דורך עמי־
גראַציע־פּראָצעסן איבער גאָר דער וועלט. די נייע גרויסע ישובים אין צפון־
און דרום־אַמעריקע, און אונדזער שטאָלץ — מדינת ישראל, וואָלטן דאָך נישט
מעגלעך געווען אָן דער שפע פון גייסטיקער קראַפט און גבורה פון מזרח־
אייראָפּעישן יידנטום, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די נייע לענדער. לייענט
מען דערפאַר מיט אַ באַזונדער אינטערעס די גרעסערע אַרבעטן פון לעשטשינ־
סקי, אברהמאָוויטש, דר. שאצקי, דר. קיסמאַן און א. מענעס, וואָס פאַרנעמען
430 זייט־שפּאַלטן פון גאַנצן באַנד, וואָס האַלט 788 זייט־שפּאַלטן.

די אַרבעטן פון יעקב לעשטשינסקי „עקאָנאָמישער אויפשטייג און צעפאַל
פון אייראָפּעישן יידנטום", פון רפאל אבראַמאָוויטש „געשיכטע פון יידן אין
פוילן, ליטע און רוסלאַנד", פון דר. יעקב שאצקי „יידישע פּאָליטיק אין פוילן
צווישן די צוויי וועלט־מלחמות", פון דר. יוסף קיסמאַן „יידן אין רומעניע"
און פון אברהם מענעס „די מזרח־אייראָפּעישע תקופה אין דער יידישער גע־
שיכטע" זיינען יסודותדיקע, אויספירלעכע אַרבעטן, וואָס שילדערן פאַרשידענע
אַספּעקטן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און באַלויכטן פאַר אונדז דעם הינ־
טערגרונט און די היסטאָרישע סביבה פון „נס פוילן" אין דער מאָדערנער
יידישער געשיכטע. ווייל אויב דער יידישער ישוב אין מזרח־אייראָפּע, איז דער
נס פון די יידישע גלות־תפוצות אין דער יידישער געשיכטע, איז פוילן דער
נס און דער קוואַל פון מים חיים אין מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

„ווי אַזוי איז מעגלעך געוואָרן דער נ ס פ ו י ל ן ? ווי קומט עס,
וואָס דאָס יידישע מזרח־אייראָפּע האָט במשך פון די לעצטע 4 יאָרהונדערטער
אַרויסגעוויזן אַזאַ געוואַלדיקע נאַציאָנאַלע ענערגיע נישט בלויז דעמאָגראַפיש,
נאָר אויך גייסטיק און מאָראַליש ? מיט וואָס דערקלערט זיך דער אויסער־
געוויינלעכער טעמפּאָ פון דער נאַטירלעכער פאַרמערונג אין די יידיש־פוילישע
קהלות, וואו פון קנאַפּע צוויי צענדליק טויזנט משפּחות אַנהויב 16־טן יאָר־
הונדערט, איז במשך פון קוים פיר הונדערט יאָר אויסגעוואַקסן אַ גרויס
פאָלק" ?

אויף די פראַגן גיבן אַ תשובה — יעדער פון זיין באַזונדערן אויסגאַנגס־
פונקט — אַלע פריער אויסגערעכנטע שרייבער, אָבער דעם קערנדיקסטן ענט־
פער אויף אָס די פראַגן גיט אונדז אברהם מענעס, פון וועמען מיר האָבן צי־



טירט די פריער־געשטעלטע פראַגן. א. מענעס דרינגט אַריין אמטיפסטן אין
דער נשמה־ און געדאַנקן־וועלט פון מזרח־אייראָפּעישן ייד און כשופט אַרויס
פון זיינע נשמה־אוצרות די באַהאַלטנסטע פּערל, די טיפסטע זעלישע וויברי־
רונגען. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער יידישער קרעמער אין דער ליכטי־
קער געשטאַלט פון אַ שבת־פּרינץ, אַ מאַגנאַט פון גייסט אין אַן אָרעמיקער
וועלט פון „פּאַנשטשיזנע", שכרות, פּריציש־הפקרדיקע צעלאָזנקייט און דורות־
אַלטער דלות און פּיין פון אָרימען פויער. עס וויקלען זיך פונאַנדער פאַר אונ־
זערע אויגן די כאַראַקטער־מעלות פון אַמאָליקן ייד, וואָס מיניען מיט ליכט
און שפע פון שכינהשער שיינקייט. דער יידישער שבת אין קאַמף קעגן גרויען,
פאַרווילדעוועטן סטעפּ — דאָס איז דער נס פוילן, אַ נס, וואָס האָט געשפּילט
אַזאַ אומגעהויערע ראָלביים אויספאָרמען דאָס יידישע פאָלק פון אונדזער
צייט, אַ נס, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם שפּרונג פון קרוב 2 מיליאָן יידן אין
סוף פון 18־טן יאָרהונדערט ביז 17 מיליאָן ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־
קריג, אַ נס פון רייך־אַנטפּלעקטע גייסטיקע אוצרות, וואָס האָבן געשפּייזט דאָס
יידישע פאָלק אין אַלע זיינע צעשפּרייטקייטן און וועלן אים נאָך שפּייזן פאַר
דורות און דורות.

וואָס זיינען די מאָזאיק־שטיינדלעך פון נשמה־מאָנומענט, וועמען מענעס
רופט אָן „נס פוילן" ? מענעס רעכנט זיי אויס בקצור ; דער הויכער מאָראַלישער
ניוואָ פון יידיש פאַמיליען־לעבן ; די איבערגעגעבנקייט פון יידישע עלטערן
צו זייערע קינדער ; אין פוילן זיינען יידן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער קיבוץ מיט
אַן אייגענער שפּראַך, מיט אייגענע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן און מיט אַ
ברייט־פאַרצווייגטן סיסטעם פון אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס ; יידיש־טייטש איז
געוואָרן יידיש לשון ; „יידן אין דער בחינה פון קדושים" ; דער נס פון יידישן
שטעטל, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון יידישן גייסטיקן לעבן ; „אַ גלאָז
מילך מער און אַ גלעזל שנאַפּס וויניקער" — דער יסוד פון דער יידישער
עקאָנאָמיק ; דער למוד התורה ; די גרויסע ישיבות אין פוילן און רוסלאַנד ;
די שטרענגע מאָראַלישע קאָדעקסן פון שולחן ערוך ; די עלית נשמה און פרייד
פון חסידות און איר קעגן־פּאָל — מתנגדות מיט דער לערע, אַז די תורה, ניט
דער צדיק דאַרף פאַרנעמען דעם צענטראַלן אָרט אין יידישן לעבן ; די מוסר־
ניקעס, זייער לאָזונג „דערקען זיך אַליין" און אייביקער קאַמף מיטן יצר הרע ;
דער ווילן צו לערנען תורה לשמה, וואָס האָט געלעבט אין ייד ; דער דאָרפס־
ייד, וואָס האָט זיך געוואַרעמט ביים פייערל פון שטעטל ; דער „זייל פון עבודה" ;
דער בית המדרש ; די חברה תהלים ; צדקה און מתן בסתר ; די קהילה ; הכנסת
אורחים און גמילות חסדים ; די מצוה פון חסד של אמת — מענעס נעמט
אונדז ביי דער האַנט און פירט אונדז איבער די פאַרוואָרפנסטע שטעגן פון
וואַלד יידיש פוילן און עס קומען אייך אַנטקעגן שטראַלנדיקע תהלים־יידן,
באַהאַלטענע צדיקים, למד וואָווניקעס, הייליקע שניידערלעך און אָרעמע און
קרעטשמער, וואָס דערהאַלטן זייער גאַנצע נשמה־ריינקייט, אַרומגערינגלט פון
„סאַמאַגאָן" און נבול פה פון כאַם.

עס פארכאפט דער אָטעם פון אַזויפיל שיינקייט פון נס פוילן, דער נס פון דורות אָפּגעהיטענע ערלעכע יידן, און ווען עס איז געקומען די השכלה — האָבן זייערע אייניקלעך ווייטער געלויכטן מיט דער אינערלעכער וואַרעמקייט פון נס פוילן און ער, דער נס האָט שפּעטער אַרויסגעשטראַלט פון די געגרייוועטע שיסטער און צאַר־באַקעמפער, פון די הירש לעקערטס, פועלי ציון און די ברענערישע חלוצים.

אונטער די שאַטנס פון מעכטיקן דעמב — יידיש פוילן, האָבן געלעבט און זיך קעגנזייטיק באַקעמפט פאַרטייען און גרופּן פון דער מאָדערנער יידישקייט, אָבער אַלעמען האָט באַלויכטן די שכינה פון נס פוילן — פון גאַנצער טראַץ שפּאַלטונג, פּולבלוטיקער, אין זיך פאַרטראַכטער, קאָנצענטרירטער און דינאַמישער יידישקייט.

פון גרויס אינטערעס און פיל התמדה און וויסן איז אויך אנגעזאַמלט אין די אַרטיקלען איבער די יידן אין דייטשלאַנד און עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, האָלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און לוקסעמבורג, איטאַליע, שווייץ, ענגלאַנד, סקאַנדינאַווישע לענדער, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע און גריכנלאַנד. די מחברים זיינען: מאַקס ווינער, יוסף גאַרדאַן, זיגפריד ראָטה, אַדאָלף קאָבער, ארנאל מאַנדעל, א. ש. ארטאָם, ליבמאַן הערש, סעסיל ראָטה, מאַקס ווינער, יצחק אלקלעי, מיכאל מולכו.

דער נייער באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע „יידן ד׳״, איז ווי אַ מילגראַם אָנגעפילט מיט אַלט־יידישן זאַפט און עס איז אַ דערפרישונג צו לייענען, לערנען און שטודירן, זוכן און געפינען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די שטעגן און וועגן פון אונדזער יידישער געשיכטע פאַר די לעצטע טויזנט יאָר. דאָס בוך דאַרף געלייענט און געלערנט ווערן פון יעדן ייד, וואָס פּרעטענדירט צו קענען די געשיכטע פון זיין פאָלק. די ענציקלאָפּעדיע האָט אויך די גרויסע מעלה, וואָס אַלץ איז געשריבן פּאָפּולער און פאַרשטענדלעך און צו אַלעם קומט נאָך צו דער פיינער עסטעטישער טעם פון אַ פּראַכט־אויסגאַבע אויפן בעסט־מעגלעכן פּאַפּיר, וואונדערשיין אַרויסגעגעבן און רייך אילוסטרירט. אַ צירונג פאַר דער שאַפע און אַ דערפרישונג פאַרן אויג.

דער נייער באַנד „יידן״ דאַרף ווערן ברייט פאַרשפּרייט אין אַלע יידישע ישובים.

## פעסטיוואל אף בריטיין ווארט-קאנצערט

**דינסטאג, דעם 22-טן מאי, 7.30, אין אדלער האל, אַדלער סטריט.**



# דר. יעקב י. מייטלים

## פון מיין ביכער-טיש

### ג. פּראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור

היי־יאָר פייערט די יידישע וועלט דעם פופציקסטן יובל פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. וואָס זיינען אין דער אמתן פופציק יאָר אין לעבן פון אַ פאָלק, בפרט נאָך אַזאַ אַלט קולטור־פאָלק ווי מיר יידן? פונדעסטוועגן איז אָט דער פאַרענדיקטער האַלבער יאָרהונדערט נישט סתם געווען אַ האַלבער יאָרהונדערט ווי אַלע אַנדערע, פריערדיקע, נאָר טאַקע פופציק וויטאַלע, גורלדיקע יאָרן, וואָס האָבן יסודותדיק איבערגעאַנדערשט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, ממש פון אויבן ביז אַראָפּ. עס זיינען געווען יאָרן פון אַ געוואַלטיקן געזעלשאַפטלעכן אויפשוווּנג און אַ סאָציאַלער דינאַמיק, פון אַ כסדרדיקן עקאָנאָמישן איבערבוי, וואָס האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין לעבן פון פאָלק און וואָס איז געווען באַגלייט פון אַ שטאַרקן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן דערוואַכן און אַן אומפאַרגלייכלעכער קולטור־רענעסאַנס. די קרוין פון פאָלק איבער גאָר דער וועלט איז געווען דער מזרח־איראָפּעאישער קיבוץ: שטאַרק מקורדיק, שאַפערישוואָגיק און פילפאַרביק. פון אָט דער הויך אָבער איז דאָס פאָלק ביים סוף פון האַלבן יאָרהונדערט געוואָרן טראַגיש אַ שליידער געטון אין דער טיף, ממש אין שאול תחתית פון אונטערגאַנג. עס איז געווען אַ פאַל: מאיגרא רמא לבירא עמוקתא! טיפער איז שוין נישט געווען מעגלעך. אין משך פון קנאַפּע צוויי דורות האָבן מיר דערלעבט אויפבלי און פאַרגיין אין דער פיינסטער און ריינסטער קאָנצענטראַציע.

איז דאָך אונזער היינטיקער דור געווען אַ לעבעדיקער עדות פון אַ געוואַלטיקן אויפבלי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן באַגינען פון 20־טן יאָרהונדערט. די יידישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו שפּאַנען מיט פעסטע טריט אויפן ברייטן שליאַך פון פאָלקס־לעבן און זיך דאָרט קונה שביתה געווען. דערמאָנען מיר זיך נישט נאָר די יונגע, די בונטאַרן, וואָס זיינען געקומען קאַמף־אָנגעפילטע פון אַלע עקן יידיש־לאַנד אין דער אויפבליענדיקער ליטעראַטור, מיט נייע לאָזונגען און נייע ווערטן, נאָר מיר געדענקן באַגלייך נאָך די וועטעראַנען, די פאָטערס, די בויער, די קלאַסיקער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור אין יידיש לשון, וואָס האָבן מיט אַ סך באַגייסטערונג און אַ טיפן פאַרשטענדעניש באַגלייט אָט די יונגע און געהאָלפן באַפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס. האָט אַזאַ פלוצימדיקן אויפבלי אין אַזאַ קורצער צייט אפשר קיין שום אומה ולשון נישט דערלעבט, האָט אָבער אויך קיין שום פאָלק נישט באַקומען אַזאַ שווערן טויט־קלאַפּ ווי מיר. איז אויך איבער קיין שום פאָלק אין דער וועלט נישט געקומען מיט אַמאָל אַזאַ פולשטענדיקער, טאָטאַלער חורבן, ממש איבער נאַכט, ווי איבער אונז יידן. אָט די דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונזערע אייגענע אויגן. מיר זיינען געווען די עדות פון אַ הערלעכן אויפגיין, אָבער אין

דער זעלביקער צייט דערלעבט דעם בלוטיקן פֿאַרגיין כמעט ביים סוף פֿון דער
תּקופֿה, וואָס האָט כמעט איר גלייכן נישט אין דער לאַנגער, אָפֿט יסורים׳דיקער
געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק. און דאָס אַלץ אין משך פֿון קוים אַ האַלבן יאָר־
הונדערט!

מיטן חורבן פֿון גרעסטן און אייגנאַרטיקסטן קיבוץ יידן אין מזרח־אייראָפּע
זיינען מיט אַמאָל איבערגעשניטן געוואָרן די טיפֿע וואָרצלען פֿון דעם מעכטיקן
בוים פֿון דער יידישער ליטעראַטור. דער באָדן פֿון וואַנען זי האָט געצויגן
צענדליקער יאָרן אירע זאַפֿטן און יניקה איז געוואָרן פֿאַרוויסט. די קוואַלן פֿון
פֿאָלקס־לעבן זיינען אויסגעטרוקנט און דאָס פֿאָלק אַליין, אין זיינע רעשטלעך
נאָך דער גרויסער שׂרפֿה, די קליינע ברעקלעך מיט אַן אָרים רענצל פֿון אַן
אייביקן נע־ונד׳ניק אין דער האַנט, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער
וועלט. האָט די ליטעראַטור במילא פֿאַרלוירן איר באָדן. שטייט די פֿראַגע איצט
פֿאַר אונדז אין איר גאַנצער שאַרפֿקייט און ערנסטקייט: אויף וועמען זאָל זיך די
ליטעראַטור איצט אָריענטירן, פֿאַר וועמען זאָל זי שאַפֿן? לאָמיר זיין ערלעך:
די יוגנט אין די נייע ערטער פֿון פֿאָלקס־קאָנצענטראַציע גייט אַוועק פֿון אונדז,
זי רעדט נישט קיין יידיש, לעבט אין אַן אַנדערער וועלט און האָט זיך אירע
אייגענע פּראָבלעמען און קאַמפֿן מיט וואָס די יידיש־ליטעראַטור האָט זיך עפּ״י
רוב נאָך נישט געפּרובט צו פֿאַרנעמען. די רעשטלעך ווידער פֿון די געטרייע
יידישע פֿאָלקס־מענטשן, וואָס טראָגן נאָך אויף זיך דעם עול פֿון יידישקייט און
פֿון יידישער קולטור, זיינען בעצם נאָר רעשטלעך, וואָס זייער צאָל ווערט קלע־
נער פֿון טאָג צו טאָג און וואָס זייער פֿאַרשווינדן קען מען שוין אויסרעכענען
מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט.

פֿאַר וועמען זאָל בכן די ליטעראַטור ווייטער שאַפֿן און וואָס פֿאַר אַ ליטע־
ראַרישע טראַדיציע זאָל זי ממשיך זיין? אגבֿ, מען רעדט לעצטנס זייער אַ סך
פֿון המשך אין אונדזער לעבן. מוז איך מיך מודה זיין, אַז דער באַגריף פֿון המשך
איז דערווייל פֿאַר מיר (כּל זמן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז נישט געוואָרן אין
דער מחשבֿה גענוגענד אַנאַליזירט און דערפֿירט צו אַ קלאָרער דעפֿיניציע)
אומפֿאַרשטענדלעך, אַ ביסל צו מטושטש, צו פֿאַרנעפּלט, אַז איך זאָל מיך קענען
פֿונאַנדערקלייבן, וואָס מען מיינט, און וואָס פֿאַר אַ קולטור און טראַדיציע מען
וויל ממשיך זיין. מיינט מען אָבער אויך המשך אין דער ליטעראַטור, טאָ פֿרעגט
זיך די קשיא: וועלכע ליטעראַטור? אַ ליטעראַטור איז נישט קיין אַבסטראַק־
טער באַגריף, זי הענגט נישט אין אַ לערן חלל. אַ ליטעראַטור לעבט אין פֿאָלקס
באָדן, פֿון אים ציט זי איר יניקה. זי שאַפֿט און לעבט פֿאַרן פֿאָלק און מיטן
פֿאָלק. קודם כּל אָבער שאַפֿט זי אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק, באַרייכערט זי און
באַפֿרוכפּערט זי, מאַכט זי זאַפֿטיקער, פֿאַרביקער און רייפֿער. אין דער ליטע־
ראַטור שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פֿון פֿאָלק אין אַלע זיינע ניואַנסירונגען, זיינע
ראַנגלענישן אוּד יסורים, האָפֿנונגען און חלומות. די ליטעראַטור פֿון אַ פֿאָלק
איז נישט נאָר אַ מליץ־יושר. זי באַזינגט נישט תּמיד, שילדערט נישט נאָר
דאָס דערהויבענע און שיינע. זי מוז אָפֿט זיין ערלעך און שטרענג, אויפֿדעקן



דאָס נעגאַטיווע, דאָס קרומע און פֿאַרהויקערטע אין לעבן. אמתע ליטעראַטור
מוסרט אָפֿט און ווען עס איז נייטיק לאַכט זי אָפּ, — בקיצור זי האַלט דעם לע־
בעדיקן דופֿק פֿון פֿאָלק אין דער האַנט. אַזוי איז געווען די יידישע ליטעראַטור
אין דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט, אַזוי האָבן געשריבן די גרויסע שרייבער,
פֿון מענדעלע ביז ווייסענבערג. איז נאָך היינט די יידישע ליטעראַטור די טאָן־
געבערין אין יידישן לעבן?

די יידישע ליטעראַטור, אַרויסגעריסן פֿון איר מוטער־באָדן אין מזרח־
אייראָפּע, איז געגליכען צו אַ דעליקאַטער פֿלאַנץ פֿון ווייטע מקומות, וואָס מען
וויל אַריבערפֿלאַנצן פֿון איר וואַרימען און פֿעטן באָדן אין אַ מאָגערן, טרוקע־
נעם באָדן, אונטער שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען, ווו זי קען נישט וואַקסן.
דאָס לעבן גייט אַוועק פֿון יידיש, פֿון דער היימישער, וואַרימער סבֿיבֿה און פֿון
דעם אַלטן שטייגער לעבן בכלל. אַ נייע יידישע גייסטיקע אָריענטאַציע, נייע
לעבנס־פֿאָרמען און אינהאַלטן שאַפֿן זיך. דערווייל שטייען מיר נאָך ביים סאַמע
אָנהייב פֿון אָט דעם פֿונדאַמענטאַלן איבערבוי. מיר ווייסן נאָך נישט, וואָס פֿאַר
אַ ווענדונג און וואָס פֿאַר אַ ריכטונג דאָס אַלץ וועט נעמען. עס איז היינט, נאָך
דעם געוואַלטיקן איבערברוך אין יידישן לעבן, שווערער ווי אַמאָל פֿאָראויס־
צוזאָגן דעם גאַנג פֿון אָט דער אַנטוויקלונג. מיטן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל
האָט זיך געשאַפֿן אַ געוואַלטיקע נייע רעאַליטעט אין יידישן לעבן, וואָס פֿאַר־
כאַפּט דעם אָטעם און טרייסלט אויף דאָס געמיט. אָבער זי רעדט שוין אין אַן
אַנדערער שפּראַך, אויף העברעאיש. אויב אויף דעם באָדן פֿון ישׂראל וועט די
געשיכטע באַווייזן דעם גרויסן נס פֿון שאַפֿן אַ גאַנץ, אָרגאַניש און שאַפֿעריש
פֿאָלק, וועלן אָבער די איבעריקע יידישע ישובֿים, ווילט זיך דוכטן, נישט מער
בכּוח זיין צו שאַפֿן יענע שטאַרקע פֿאָלקס־קאָנצענטרירטקייט און האָמאָגעני־
טעט, וואָס איז אַ פֿאָרבאַדינג צו אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן, מיט אַן אייגענעם
לשון, וואָס זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין דער אייגענער ליטעראַטור. אין די נייע
מאַסן־ישובֿים פֿאַרנעמט יידיש נישט דעם פּלאַץ, וואָס זי האָט פֿאַרנומען אַמאָל
אין מזרח־אייראָפּע, זי באַהערשט נישט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן. דערפֿאַר
טאַקע שטייט די יידישע ליטעראַטור כּמעט אָן אַ זייט און האָט זיך נאָך נישט
פֿאַרמאָסטן צו שילדערן אָט דאָס לעבן, די נייע יידישע ווירקלעכקייט מיט דעם
קנויל פּראָבלעמען און מכשולים, מיט וואָס דער יונגער ייד איז היינט קאָנ־
פֿראָנטירט. אויב עס זיינען יאָ געמאַכט געוואָרן וועלכע עס איז אָנהייבן, זעט
מען זיי קוים אַרויס און אפֿשיטא שוין, אַז זיי גרייכן זעלטן ווייטער ווי דעם
ענגען קרייז פֿון יידיש־לייענער. די יוגנט איז אָפּגעפֿרעמדט, זי איז אַוועק פֿון
אונדז, זי לעבט זיך נישט אויס אין דער יידישער ליטעראַטור. יידיש לכל הפּחות
איז פֿאַר איר נישט די שפּראַך פֿון איר טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט.

נישט האָבנדיק די נאָענטע און אוממיטלבאַרע פֿאַרבינדונג מיטן לייענער,
מיט זיינע לעבעדיקע אינטערעסן, איז די היינטיקע יידישע ליטעראַטור עפּ״י
רוב אָריענטירט אויפֿן עבֿר. פֿון דאָרט ציט זי נאָך אַלץ איר יניקה. די פּראָב־
לעמען פֿון דער וועלט פֿון נעכטן זיינען מסתּמא אינטערעסאַנט, די צאַפּלדיקע

שילדערונגען שטייען בלי ספק אויף דער געהעריקער קינסטלערישער הייך, אָבער זיי וועלן זעלטן קענען פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע פון דעם דורכשניטלעכן לייענער אין די ישובים פון היינטיקן יידישן לעבן. פאַר אים איז דאָס אין בעסטן פאַל אַ היסטאָריש־קינסטלערישער שטאָף, אָבער ביי קיין שום אופן צאַפּלדיקע, יידישע רעאַליטעט. דער שרייבער, כל זמן ער שרייבט נאָך יידיש, קען לײדער נישט מער רעדן צו די נייע לייענער, ווייל זיין לשון איז נישט זייערער. דערפאַר טאַקע האָט דער יידישער שרייבער מיט דער וועלט פון היינט כמעט קיין מגע ומשא נישט. לעבט ער נאָך אַלץ אין זיין גייסטיקער פעסטונג פונם מזרח־אייראָפּעאישן עבר. די וועלט קען ער, זי איז אַ שטיק פון אים גופא. הגם פיזיש איז ער פון איר אָפּגעטיילט טויזנטער מיילן, און ער לעבט היינט ערגעץ־ווו אין ניו־יאָרק אָדער בוענאָס איירעס, איז זיין מזרח־אייראָפּעאיש שטעטל נאָך אַלץ זיין גייסטיקע היים. ד י וועלט איז אים טאַקע נאָענט, זי איז זיין אייגנס, זי האָט ער ליב. וואָלט עס געווען לחלוטין קינסטלעריש נישט ערלעך, אויב ער וואָלט זיך גענומען באַשרייבן אַ וועלט, וואָס איז אים פרעמד, וואָס ער קען נישט. זיינע שילדערונגען וואָלטן געווען שוואַך, בלאַס און בלוטלאָז. האָט ער בכן קיין ברירה נישט, מוז ער אין זיין יצירה ממשיך זיין מיט דער וועלט פון נעכטן, הגם זי עקזיסטירט נאָר טראַנסצענדענטאַל, זי איז נאָר אַ ווערק פון זיינע חלומות און זעאונגען.

ווייל די היים פון דעם יידישן שרייבער אין מזרח־אייראָפּע איז געוואָרן אַזוי פריצייטיק פאַרשניטן, איז זיין צוגעבונדנקייט צו איר געוואָרן נאָך שטאַרקער, זי איז געוואָרן ממש לעגענדאַריש. איז דאָס פּסיכאָלאָגיש גאַר פאַרשטענדלעך. איז דאָך אין דער חרובער וועלט אומגעקומען נישט נאָר זיין סביבה, זיין פאָלק, זיינע לייענער, נאָר אויך זיין אייגענער קינסטלערישער איך, וואָס מוז איצט גלות אָפּריכטן און גיין פאַשן אין פרעמדע פעלדער. דערפאַר טאַקע באַציט זיך דער יידישער שרייבער צו איר מיט אַ געפיל פון פיעטעט, פון יראת הכבוד און קדושה. די פאַרגאַנגענהייט הערט אויף צו זיין לעבעדיקע, קעמפּענדיקע ווירקלעכקייט, זי ווערט אַ שטיק סטאַטישע קדושה. אַלץ באַקומט אַ שיין פון ראָמאַנטיק און אידעאַליזאַציע. אַלץ איז הייליק! קען אָבער אַ לעבעדיקע זיך ראַנגלענדיקע ליטעראַטור נישט לעבן בלויז פון קדושה. זי מוז האָבן וואָכעדיקייט, אַ ברעקל פסולת. אויב דאָס איז נישט פאַראַן מוז די ליטעראַרישע פּראָדוקציע ווערן איינזייטיק, און איר קוק־ווינקל אַן ענגער. עס ווערט אַ קדושים ליטעראַטור!

זאָל מען דאָס נישט פאַרגעסן: וויל אַ ליטעראַטור זיין לעבעדיק, אוממיטלבאַר און ווירקזאַם, טאָר זי נישט אויף אייביק בלייבן אַ נעכטיקע, מיט אַ פאַרבענקטן בליק אויפן עבר, מיט פּראָבלעמען און שילדערונגען פון אַ פאַרגאַנגען לעבן, ווי רייך און ווי צאַפּלדיק דאָס זאָל נישט זיין אַמאָל געווען. הייסט דאָס, אַז מיר זאָלן זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון עבר? אַזוי צו שליסן וואָלט געווען אַ מוראדיקער טעות. יעדע ליטעראַטור, אויב זי איז קינסטלעריש פאַרפונדעוועט אין פאָלקס־לעבן, האָט אירע וואָרצלען אין עבר, הגם זי שטייט מיט ביידע פיס



אין דער קעגנוואַרט. ווערט מען מוזן פריער אָדער שפּעטער אין דער יידישער ליטעראַטור קומען צו אַ סינטעז, פון אַ נייעם צוגאַנג נישט נאָר צו די אַלטע פּראָבלעמען, נאָר טאַקע אויך צו די היינטצייטיקע, לעבעדיקע פראַגן פון יידישן לעבן, מיט אַלע זיינע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע דערשיינונגען, מיט אַלע זיינע ליכט־ און שאָטן־זייטן.

ביי היינטיקן טאָג האָבן מיר אין דער יידישער ליטעראַטור צוויי מינים ליטעראַרישע שאַפונגען: די חורבן־ליטעראַטור און סתם ליטעראַטור, אָבער דער צד השווה פון זיי איז, אַז ביידע זיינען אָריענטירט אויפן נעכטן. די איינע איז גאָר וויכטיק אַלס אַ מעמואַרן־ און דאָקומענטאַציע־ליטעראַטור, ווייל זי שילדערט עפ״י רוב די פּערזענלעכע איבערלעבענישן פון דעם קינסטלער אין די שווערע גורל־יאָרן פון גרויסן אומקום. האָבן שרייבער, וואָס האָבן איבערגעלעבט די אכזריות און פיין פון דער היטלער־שחיטה, נישט נאָר אַ רעכט נאָר ממש אַ חוב צו דערציילן. פון דור דורות האָט מען אונז אָנגעזאָגט דעם „והגדת לבנך", דו זאָלסט דיינע קינדער דערציילן די יסורים פון דיין פאַרגאַנגענהייט... זאָל מען נישט פאַרגעסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען, וואָס עס האָט זיך פאַר אונזערע אויגן אָפּגעשפּילט. דאָס איז העכסטע מענטשלעכע דאָקומענטאַציע אין איר ריינסטער פאָטענץ. דאָס איז אָבער אויך היסטאָריאָגראַפיע, פון וואָס שפּעטערדיקע היסטאָריקער וועלן שעפּן מיט אַ פולער מאָס. דערפאַר טאַקע איז זי פון גרעסטער וויכטיקייט.

האַנט אין האַנט דערמיט גייט אַ ליטעראַטור, סיי אין פּראָזע און סיי אין פּאָעזיע, אַ רייכע און אַ וואָגיקע, וואָס איז ראשה ורובה אַריינגעטון אין נעכטן, פאַרנומען מיטן שילדערן פון דעם אַלטן, טייערן און אַזוי פרי פאַרשניטענעם שטייגער לעבן אין די מזרח־אייראָפּעאישע שטעט און שטעטלעך. שטייט מען קינסטלעריש דערווייל אין עבר, מען האָט נאָך נישט געפונען דאָס לשון צו דער נייער ווירקלעכקייט. די קעגנוואַרט איז האַרט און גרוי, זי איז פול מיט אַנטוישונגען און יסורים, פּרובט מען פון איר צו אַנטלויפן אין דער פאַרגאַנגענהייט (עסקייפּיזם בלע״ז), טוליעט מען זיך צו איר און מען האָפט אין איר צו געפינען באַפרידיקונג און מנוחה. אין דער אמתן איז אין דעם פאַראַן אויך אַ שטיק אַנטלויפן פון די האַרבע היינט־פּראָבלעמען, וואָס מען קען נישט געבן קיין קינסטלערישן תיקון. ברענגט יעדעס נייע ווערק אַ שטיק פון דער אַלטער וועלט, אַ רעמיניסצענץ פון נעכטן, לעבט אויף אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט. זעט מען דאָס אַלץ אין ראָזיקע קאָלירן מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ כלות־הנפש׳דיקער בענקשאַפט נאָך דעם פאַרלוירענעם גן־עדן. מען באַזינגט דאָס פאַרגאַנגענע און מען אידעאַליזירט דאָס פאַרלוירענע. אַלץ וואָס איז געווען און וואָס איז היינט שוין נישטאָ מער, איז ריין און שיין, ציכטיק און ליבלעך. ממילא פאַרשווינדט דאָס גראָבע און פאַרהויקערטע, דאָס שלעכטע און פינסטערע אין אַמאָליקן לעבן. מען זעט נאָר אַלץ אין דער אספּקלריה המאירה, אין דעם פּילפאַרביקן ליכט פון אַמאָליקער גרויסקייט. דאָרט איז אַלצדינג גרויס און שיין, די פאַרגאַנגענהייט האָט באַקומען איר תיקון.

# אליהו פאלושאק

## ס. פּאַלמע און זײַנע „סילועטן אין שפּיגל״

סילועטן אין אַ שפּיגל, באַזונדערס בײַנאַכט, קענען אָנוואַרפן אַ מורא און שרעק נישט נאָר אויף קינדער. אויך דערוואַקסענע װעלן זיך דערשרעקן, ווען זיי וועלן, פּלוצים זיך אויפכאַפּנדיק פון שלאָף (אָדער אַפילו בײַטאָג אויפוואַכנדיק פון אַ חלום) אַנטדעקן סילועטן און ווילד־פרעמדע שאָטנס אין אַ שפּיגל. אָבער דאָס איז נישט די כוונה פונם מחבר פון „סילועטן אין שפּיגל״. ס. פּאַלמע וויל נישט דערשרעקן, נאָר דערפרייען. ער וויל האָבן, מיר זאָלן מיטלעבן אַלץ, וואָס ער ברענגט אַרויס מיט זײַן פּעדער און טושע אין זײַנע לידער, דיכטונגען און פּאָעמעס, און די צוגעגעבענע צייכנונגען דערצו, — אַלעס צוזאַמען „סילועטן אין שפּיגל״.

פּאַלמע איז אויף דעם געביט פון ביכער־אַרויסגעבן אַ פלייסיקער דיכטער. און איך וואָלט נאָך צוגעגעבן: און אַן אָפּטימיסט דערצו. ווייסן מיר דאָך אַלע, ווי נאָך אונדזער גרויסן חורבן איז געשען אַ גאַנצער אומברוך אין אונדזער פאָלקס־לעבן, אומעטום, ווו עס לעבן קלענערע אָדער גרעסערע יידישע שבטים. דער גרויסער פאָלקס־רעזערוואַר פון יידיש־לייענער אין מזרח־אייראָפּע איז דאָך נישט מער דאָ, און די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פון פאַרניכטונג און אויסראָטונג האָט בײַ די רעשטלעך אַרויסגערופן אַזוי פיל ווולקאַנישע לאַוואַ, האַס, גאַל, אומזיכערקייט, פּראָטעסט, הילפלאָזיקייט און אויך אַ ווילן ווייטער צו לעבן, פאָרטזעצן, ממשיך זײַן צוליב זיך אַליין, צוליב יענעמען, צוליב דעם פאָלק, דעם אייגענעם פאָלק, און ווי מאַנכע דריקן זיך אויך אויס, צוליב דער גאַנצער מענטשהייט. ווײַטער לעבן הייסט ווײַטער שאַפן (אַ פאָלק, וואָס איז נישט שעפעריש, גייט במילא אונטער), און אַזוי האָבן סיי די ווולקאַנישע אויסברוכן און האַס־געזאַנגען און סיי דער לעבנס־כוח ווײַטער אָנצוגיין מיט לעבן, המשך און פאָרטזעצונג (און זאָל קומען אַ צעפּיקעניש אויף אונדזערע שונאים!) געפונען זייער אויסדרוק אין די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן. זאָל דערבײַ באַטאָנט ווערן, אַז די שאַפונגען זײַנען צו אַ זייער גרויסן, אַ פיל צו גרויסן פּראָצענט־זאַץ, באַשטאַנען אין פּאָעזיע.

מיר שטייען נאָך צו נאָענט סיי צו די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן און סיי צו די ליטעראַרישע אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיקער עפּאָכע, כדי צו קענען אָפּגעבן אַ פעסטן ווערט־אורטייל איבער דעם גאַנצן שאַפן צוזאַמענגענומען אָדער איבער דעם שאַפן פון יעדן איינצעלנעם באַזונדער. עפּעס וועט דערפון בלײַבן, און ווען מיר ווילן, וועט אַ סך דערפון בלײַבן פאַראייביקט, — פון איין מחבר מער און פון אַן אַנדערן ווייניקער. עס איז שוין אַ מדרגה, ווען ס׳בלײַבט עפּעס צוריק. עפּעס פון יעדן, פון יעדן דאָס בעסטע קענען דאָך זײַן ציגלשטיינער פון אַ בנין פאַר צוקונפטיקע דורות, וואָס וועלן זיך וועלן מטריח זײַן צו פאַרשטיין אונדז, אונדזער היינטיקן דור, אונדזערע ראַנגלענישן, אונדזער שיטה און נוסח.



די אויפגאַבע פון קריטיק איז דאָך נישט נעגאַציע, באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער אויסגאַבע פון אַ מחבר מיט שוין באַלד אַ צענדליק אַרויסגעגעבענע ביכער און אַ נאָמען אין דער יידישער פּאָעזיע דאָ אין ענגלאַנד (און אויך אַנדערשוו) פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אונדזערע אַלט־מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק בעל־מחשבות און, אים צו לענגערע יאָר, ש. ניגער זײַנען צו אַלע שאַפונגען אין דער יידישער ליטעראַטור צוגעגאַנגען אַלס אַנאַליטיקער, אָבער אויך מיט ליבע און אחריות. (איך דערמאָן דאָס דאָ דערפאַר, ווייל זייער אַ סך איז דאָ בײַ אונדז געוואָרן אָנגעשריבן אין רעצענזיעס, וואָס האָט נישט קיין שום באַרירונג מיט ליטעראַרישער אַנאַליטיק און איז פרײַ פון יעדער אחריות. ס׳איז באַלד געוואָרן אַ מין שותפות־געשעפט: „דו שרײַב וועגן מיר, וועל איך שרײַבן וועגן דיר״).

ווי שוין דערמאָנט פריער, ס. פּאַלמע איז, אין אַרויסגעבן פון ביכער, אַ פלייסיקער דיכטער. אין די לעצטע 7־6 יאָר זײַנען פון אים דערשינען „פאַרוויסטע ערד״, „רינגען און קייטן״ און „גלאָקן אין מדבר״. אין „פאַרוויסטע ערד״ און „גלאָקן אין מדבר״ זעען מיר, ווי די גרויסע וועלט־געשעענישן, דער צעשטערערישער פײַער־בראַנד אין אייראָפּע און אַזיע און נאָך־מלחמה׳־דיקער קאַמף פאַר זעלבסט־דערהאַלטונג און פרײַהייט פון אונדזער פאָלק געפינען אַן אָפּקלאַנג בײַ פּאַלמע׳ן. איז דאָך דאָס וואָרט „סקאָרטשד ערטה״ (פאַרברענטע און פאַרוויסטע ערד) געוואָרן אַ קאַמף־לאָזונג און נאַציאָנאַלער אידיאָם פון אַ העלדישן פאַרבינדעטן אין דער לעצטער מלחמה קעגן פאַשיזם. ליבערשט צושטערן היימען, שטעט, דערפער, פעלדער און לאָנקעס און זיך נישט אונטערגעבן אַ שונא, וואָס וויל פאַרשקלאַפן און פאַרטיליקן אַ וועלט. דאַמאָלט האָבן מיר געהאַט:

„צעריסענע פעלדער מיט טרערן פאַרזייטע,
רויכיקע חורבות, צעשווומענע טרוימען,
מענטשהייט פאַרשקלאַפטע, געשפּאַנטע אין צוימען״.

(מאָטאָ פון „פאַרוויסטע ערד״).

עס איז דאַמאָלט געווען אַ צײַט פון „אויסגעשפּרייטע וועלט־פּאַנאָראַמען״״
„מענטש, מאַשין, פערד און צוים,
איר דערקענט זיי קוים;
אַלץ פאַרפּלאָנטערט אין אַ קנויל:
בלוט און אײַזן, אַש און קויל
האָט אָפּגעווישט סמנים פון דאָס מײַניקע און דײַן.
וואָס עס איז אַמאָל געווען, וועט מער נישט זײַן!
טאַטע, מאַמע, ברודער, פרײַנט, —
אַלץ, וואָס נעכטן האָט פאַרבונדן, ווערט פאַרגעסן היינט״...

עס ווילט זיך גלייבן, אַז די צײַטן פון פאַרוויסטער ערד זײַנען פאַרבײַ, און עס וועלן קומען מנוחה׳דיקע יאָרן, ווען מען קען ווידער באַזינגען הימלען בלויע, און קינדער, וואָס זײַנען נישט מער אַלט, „באַזינגען פעלדער ברייטע,

גרינע לאַנקעס אויסגעשפּרייטע...", און מען דאַרף נישט מער האָבן קיין מורא פאַר אַ פרעמדן קלאַפּ אין דער טיר און פאַר סילועטן און פרעמדע שאָטנס אין שפּיגל. פּאַלמע איז אַ קעגנוואַרטס־מענטש, אפשר מיד און געזעצט. זוכט ער נישט קיין גרויסע פּראָבלעמען. עס ווילט זיך אים שפּילן, אויסרוען, ווייל ווי ער זאָגט אין זיין מאָטאָ:

„טעג און יאָרן
לאָזן שפּורן, —
סילועטן קוים פיגורן.
ווען סע ווילט זיך
מיט זיי שפּילט זיך.
ביי דעם שפּיגל מען פאַרהיי'ט זיך,
און מען פרייט זיך
און מען דרייט זיך,
הינטער מאַסקעס מען פאַרקליידט זיך —
אין דעם שפּיגל זוכן שפּורן..."

דער מאָטאָ קלינגט אייגנטליך אַ ביסל בדחניש און איז צו שטאַרק „צו־געגראַמט". דער אינהאַלט פונם ביכל איז בעסער ווי די איינלייטונג. גוטע שירים, פאָעמען ליידן זייער אָפּט פון אויפגעצוווּנגענע גראַמען, וואָרט־שפּילע־רייען. דער ריטם איז וויכטיקער ווי דער גראַם. דאָס זעען מיר אין פּאַלמע'ס אַלעגאָריע „קינדער פון אוראַנוס". די טעמע איז פּראָבלעמאַטיש און פריי און ברויך נישט מיין הסכמה. די פאָרם איז אַ גוט־געווילטע און נישט געפּענטעט אין ביליקע בדחנישע גראַמען. דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז אַלע גראַמען זיינען בדחניש. אין קעגנטייל,— געברויכט אין דער ריכטיקער צייט ביי דער ריכטיקער טעמע אין אַ נישט־געקינצעלטער פאָרם, איז דער גראַם פאַר אַ ריט־מישן שיר דאָס זעלבע, וואָס דער „שליף" איז פאַרן דיאַמאַנט און די פּאָליטור פאַר איידעלע און האַלב־איידעלע מעטאַלן. דאָס געפינען מיר אין זיין ליד „ס'ווילט זיך זינגען" (צום יובל פון יום העצמאות 1950). ס'איז פייערלעך און יום טוב'דיק און קלינגט ווי אַ מאַרש־ליד. זייער אַ סך פון פּאַלמע'ס שאַפן קלינגט פייערלעך און יום טוב'דיק. דעריבער האָט ער געשריבען הימנעס און אָדעס מיט אויסרוף־צייכנס, און איז איינער פון די וויניקע יידישע דיכטער דאָ אין לאָנדאָן, וואָס האָט אָנגעשריבן גוטע קינדער־לידער און לידער פאַר קינדער, וואָס זיינען שוין אַריין אין יידישע לערן־ביכער אין פוילן מיט עטליכע צענדליק יאָר צוריק.

צוריקקומענדיק צום אַלעגאָרישן „קינדער פון אוראַנוס", ווילט זיך דער־מאָנען אַ שטאַרקן ציטאַט: „און אַ שטאָלצער, ווי אַ פּרינץ, זאָלסטו שווייגן און געדענקן:

אַז אין טוגנט רייפט זיך שטורעם,
אַז דערוואַרטונג איז דער גרעסטער טייל פון ליבע,
און דערגרייכונג — דער בלויער בין־השמשות".



לידער צעשטערט דער רעדנערישער אָפּשלוס פונם שיר די גאַנצקייט פון דער אינטערעסאַנטער קאָמפּאָזיציע. די לעצטע שורות האָבן געדאַרפט זיין:

„ווו נאָר דיין האַרץ זינגט שירה, איז דיין טעמפּל.
ווו נאָר דו בלייבסט מיט דיין הייליקייט, איז מזרח!
דיין אייגענער „פּאַרוואָס" איז דיין גלויבן!
דיין פעסטונג, וועלט און אוניווערס".


אייביקער וועג


אין זיך

זאָל נאָך דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די צייכנונגען צום ניי־דערשינענעם ביכל, די אמת'ע בילדלעכע סילועטן זיינען געצייכנט פונם מחבר ס. פּאַלמע אַליין. סילועטן, אמת'ע און אַלעגאָרישע, קענען אַמאָל אָנוואַרפן אַן אימה, באַזונדערס ווען זיי האָבן די כוונה צו אַנטפּלעקן דאָס אומבאַוווּסטע. איך בין נישט קיין בקי אין דעם, און לאָז דאָס איבער פאַר אַנדערע אָדער גאָר דעם מחבר אַליין אונדז צו געבן אַ פּירוש דערצו. איך האָב נאָר געהאַט בדעה אָנצושרייבן אַ פּאָר זאַכלעכע ווערטער וועגן „סילועטן אין שפּיגל" און דעם דיכטער ס. פּאַלמע, דאָ אין דער וועלט־שטאָט לאָנדאָן ביי דער טעמזע.

שוין דערשינען!
דעם דיכטער ס. פּאַלמעס „סילועטן אין שפּיגל"
שיין אילוסטרירט. פּרייז 12/6. צו באַקומען בלויז ביים מחבר:
S. PALME, 193, DALSTON LANE, E.8.

ס. פּאַלמע

## י. ח. קלינגער

מיין ערשטע באַגעגענונג צו זיין אָפּפאָרן קיין ישראל מיט דעם כמעט עלעקטריזירטן קלינגער איז געווען אין יאָר 1943 אין דעם סאַמע מיטן פאַר־יידישטן, אָבער שוין פאַרוואונדעטן ווייטשעפּל, פונם גרויסן און נאָך מער צו־קאַליעטשעטן לאָנדאָן, און געטראָגן האָט ער אַן ענגליש־זעלנערישן אָנטועכץ, אָבער פון וועמען ס׳האָט וויברירט און אַרויסגערעדט שעפערישקייט.

די השערה מיינע האָט מיך ניט אָפּגענאַרט:

— איר זענט דאָ אַ לאָנדאָנער דיכטער — האָט ער מיט אַ פּאָלירטן טאָן אַרויסגערעדט — און איך וועל וועלן ביי אייך באַשטעלן צוויי לידער פאַר מיין זשורנאַל „די פרייע יידישע טריבונע״, וועלכע איך האָב דאָ בדעה אַרויסצוגעבן און אָט איז אין אַוואַנס אייער האָנאָראַר...

כ׳האָב דעם בחור באַטראַכט פאַר אויסטערליש פאַר אָט אַזאַ אימפּולסירנ־דיקן אויספּלאַץ און פאַר נאָך מער אויסטערליש ווען ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— ס׳מאַכט ניט אויס אויב איר האָט ניט גראָד צוויי לידער, וועט עס זיין פאַר די, וועלכע איר וועט שרייבן...

אַזוי האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט מיין קומענדיקער רעדאַקטאָר־בע־לעטריסט, דער שפּעטערער אַרכיטעקט פון „מיין זיידע דערציילט״; דער וואָרט־מאָלער פונם מיסטעריעזן „צדיק פון מיראנדא״; און דער מחבר פונם בוך „די גאַליצישע פעלדער״.

מיר האָבן אין ווייטשעפּל געהאַט אין יענער צייט אַ סך צוגעקומענע שריי־בער און דיכטער, וועמען דער בייזער שטורם האָט פאַרטראָגן אַלס פּליטים, אָבער אין בלויז איינעם פון זיי האָט ווייטשעפּל געפונען אָנרעגונג פאַר „גע־טועכץ״ און דאָס איז געווען דער, וועמענס נאָמען ס׳האָט ניט געקאָנט און ניט געטאָרט זיין אַנדערש ווי י. ח. קלינגער.

און אָט האָט ווייטשעפּל (דעריין יידיש לאָנדאָן) דערזען דעם געבורט פון דעם צוזאָגנדיקן זשורנאַל „די פרייע יידישע טריבונע״ וואָס האָט מיט דעם חנ׳עוודיקן „אַראָגאַנס״ פון אַ קונדס מיט קאָלירטע מייטקעס, געליאַרעמט: „אָט בין איך דאָ, קוקט מיך אָן און באַוואונדערט מיך!״

אגב האָט דער זשורנאַל זיינער דערגרייכט ביז דעם פינפטן נומער, וועלכן מען האָט אפשר געקאָנט באַוואונדערן ווי מען באַוואונדערט אַן ערשט נאָר וואָס געבוירן קינד מיט אַ בינטל ציין אין מויל...

מיר האָט שטאַרק אימפּאָנירט זיין כמעט ליידנשאַפטלעכער דורשט פאַר „פירמע״ און „סטאַזש״ וואָס איז נוגע די מיטאַרבעטערשאַפט. מיר האָבן למשל דאָרט באַגעגנט (אַחוץ די לאָנדאָנער און מיין ווייניקייט בתוכם): י. ד. מאַרקאָן, איציק מאַנגער, פּראָפ. ז. גרינבערג, י. פּאַפּערניקאָוו, דר. י. נ. שטיינבערג, דר. ס. א. רובינשטיין, מאַנע קאַץ און נאָך און נאָך אַזעלכע באַדייטנדע קרעפטן אין דער וועלט פון ליטעראַטור און קונסט.



אָבער זיין עקשנות האָט ניט אויסגעהאַלטן (געוויס ניט אָן סיבות און סברות). אָבער ניט פון איינעם פון אונז איז געקומען אַ שטילע ברכה ווי מיר טוען עס אויך איצט פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ישראל, אפילו ווען זיינע פּרובן האָבן זיך אים ניט איינגעגעבן, ווייל סוף כל סוף קאָן מען אויף אַ שטיינערנעם שטיקל באָדן אפילו דעם בעסטן אַקער־אייזן צוברעכן...

## עטא טאפּל



עטאַ טאָפּל האָט זיך געזעגנט מיט יידיש לאָנדאָן און אַלס „לעצט־געלד״ געגעבן אונז — די האַרציקייט פון איר געזאַנג, די עכטקייט פון איר פּערזענ־לעכקייט און די וואַרימע היימישקייט אַלס פרוי און מענטש, וואָס מען האָט קענען־געלערנט פאַר די לעצטע צוועלף יאָר. צום ערשטן מאָל האָבן מיר גע־הערט פון איר העברעאישע לידער, פאַר וועלכן מען האָט איר זעהר שטאַרק אַפּלאָדירט.

דער אָוונט איז געווען אַ גייסטרייכער און וואַרים איז געווען די אויפנאַמע פון דער קינסטלערין ביי איר ווידער־דערשיינען נאָך אַ צוויי־יאָריקן אָוועק־זיין פונם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: האַרי אַריעל, יוסף דאָלינזשער און דער יונגער קינסטלער סטענלי בלעקמאַן. ביים קלאַוויר סילוויאַ קאָהען. דער אָוונט וועט לאַנג בלייבן אין זכרון. מיין פּערזענלעכע וואַרימע ברכה.

## אפרים טויבענהויז (חיפה)

# אדיוטאַנט פון בעניטאָ מוסאָליני איצט אַ גר־צדק אין גליל העליון

אין האַרץ פון גליל העליון נישט ווייט פון דער לבנון גרעניץ זיינען איצט פאַראַן די גרים פון סאַן ניקאַנדראָ, איטאַליע. זייער „מוכתר" איז אברהם בן אברהם אמינא, וואָס האָט אָפּגעדונגען אויף די היינטיקע ימים נוראים אַ „מנין" פאַר נייע אָנגעקומענע גרים.

כ׳בין גראָד געווען ראש השנה און יום כפור ביי זיי אין „מנין". דער עולם, ס׳רוב גרים פון סאַן ניקאַנדראָ, האָבן געדאַוועט פון מחזורים אין איטאַליעניש.

דער בעל תפילה זייערער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. ער האָט הינטער זיך אַ פאַרביק־רייכע לעבענס־געשיכטע. ער איז זינט דעם אויפקום פון פאַשיזם אין איטאַליע געווען אַן אַדיוטאַנט ביי בעניטאָ מוסאָליני. און בעת דער איטאַליענישער דיקטאַטאָר האָט אָנגעפאַנגען רודפ׳ן יידן, האָט זיך אין אים דערוועקט דער רעליגיעזער פונק. ער אַנטלויפט פון איטאַליע, שלעפּט זיך ביז ער קומט קיין שפּאַניע, שפּעטער ווערט ער אַ קאָמענדאַנט אין באַרצעלאָנאַ, ווו ער איז זיך מגייר ביים דאָרטיקן רב און ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבייטער אין זשורנאַל „הלפּיד", וואָס דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון באַראָס באַסטאָ.

ס׳איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו הערן ווי האַרציק ער האָט געזונגען די תפילה פון „כתר מלכות". ער האָט זיך צוגעזאָגט צום בורא עולם:

— דו ביזט איינער, דער הויפּט פון יעדן ענין; דו ביזט איינער און ביים סוד פון דיין איינציקייט שטייען מיר מיט מורא.

בעת נעילה האָט זיך צוגעזאָגט איבער׳ן הר הכרמל דאָס געזאַנג פון די גרים:

וועך קאָן דערטראָגן דיין מעכטיקייט  
ווען דו האָסט פון שיין באַשאַפן  
פון פעלז די וועלט אויסגעשפּריצט  
פון ריינקייט פון פייער אויסגעשפּריצט — — — —

די גרים פון סאַן ניקאַנדראָ האָבן צוגעצויגן צו זייער מנין פון די „פּני" פון חיפה. דאָ האָט איר געטראָפן פּראָפעסאָר היינריך לעווי, און די שרייבער פון תל אביב, ש. ערנסט, חיים אלחנן, זכריה הערשמאַן, יעקב פערנבאַך א. אַ.

מיט פריילעך שטראַלענדע פּנים׳ער האָבן די גרים מתפלל געווען מיט האָפענונג אַז זיי וועלן זיך גיך איינגלידערן אין כלל האומה און ווערן אַ רינג אין דער קייט פון ישראל.



# דער אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

(19־טער אַפּריל פייערונג פון „פריינט פון יידיש לשון")

ווי אַלע יאָר האָבן מיר אונזער יזכור־פייערונג אָפּגעהאַלטן אין דער נאַכט צום 19־טן אַפּריל. מיר האָבן גערעכנט מיט אַ קליינעם עולם, ווייל עס איז געווען די נאַכט פון בדיקת־חמץ, אָבער דער זאַל איז דאָך געווען פול. די ערנסטע שטימונג האָט זיך שוין געפילט, נאָך איידער די רעדנער זיינען געקומען, נאָך איידער די זעקס רעריקע מנורה איז געשטאַנען אויפן טיש. יעדער איינער וואָס איז געקומען איז געווען צוגעגרייט פאַר דער שעה — די כל־נדרי און תשעה־באב־נעכט, וועלכע מיר געדענקן נאָך פון אונזערע שטעטלעך און וועלכע מיר האָבן אַזוי שרעקלעך פאַרלוירן, זיינען געשטאַנען פאַר אונזערע אויגן.

זיינען מיר פעאיק פאַר צערעמאָניעס? ניין! קאָן מען זעקס מיליאָן נשמות אַרונטערנעמען אונטערן טלית פונם המלאך הגואל? אַלנפאַלס נישט מיר, מיר ווילן בכל אופן נישט מאַכן קיין „עם כל הנערים" רעליגיע! אָבער צו איין שעה פון ערלעכקייט, פון אינערלעכע שטילקייט; צו אַ שעה פון חשבון הנפש מוזן מיר דאָך כאָטש פעאיק זיין, ביי דערמאָנען די זעקס מיליאָן קדושים, דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אונזער בלוט — כאָטש אַ רגע פילן די קדושה דערפון, ווען מיר קאָנען נישט שפירן די יסורים. זיך מצרף זיין מיט זיי, זיך מתדבק זיין, אָן שום פּניות, אָן זייטיקייטן — אָן לינקע און אָן רעכטע מסחרים — אַן „עגלה־ערופה" נישט וועלן פאַרקויפן אויפן מאַרק, בשעת מען ווייסט דאָך גענוי ווער ס׳איז דער רוצח...

משה עובד האָט מיטגעברענגט דעם 6־רעריקן לייכטער, וועלכן ער האָט מיט גרויס כוונה געמאַכט פאַר דעם צוועק, די 6 ליכטלעך אָנצוצינדן פאַר די 6 מיליאָן נשמות.

אַ געוויסער סדר מוז דאָך אָבער דאָך זיין, אפילו ווען מען האָט אַן אָפּנייגונג צו יעדן מין צערעמאָניאַל, האָב איך אַרויפגערופן ל. ש. קרעדיטאָר, דעם זקן הסופרים אונזערן דאָ, ער זאָל אָנצינדן די 6 ליכטלעך. ער האָט דערפילט די הייליקייט פון דער שעה, און אונז אַלעמען זי געמאַכט דערפילן. דעם „אל מלא רחמים" האָט געמאַכט צבי ארנשטיין. מיר האָבן געהערט דעם האַרץ־צאַפּל פון די ווערטער און די פאַלנדיקע טרערן. מיט קורצע איינגעהאַלטענע רעדעס האָבן זיך באַטייליקט: משה עובד, אליהו פאָלושאַק, מ. מינדל, מיכאל זילבערבערג, י. ל. פיין. מיט רעציטאַציעס: י. ביעטש, נעט רובין, איזיק גאָלדבערג; און מיט געזאַנג: א. בלום און מאיר באָגדאַנסקי — — —

עס איז אַ זכות פאַר אונזער ישוב דאָ, און אַ זכות הקיום פון אונזער פאַראיין „פריינט פון יידיש לשון", אַז אַזאַ הייליקע שעה איז דאָך נאָך מעגלעך אַדורכצופירן. אָן זייטיקע פּניות פון „פּאָליטישענס" און „אַפּילס". באמת איך גלויב, אַז אַזאַ קדושה שעה דאָ אַדורכצופירן וואָלטן אַלע אונזערע באַמיאונגען אפילו נישט געהאָלפן, נאָר עס איז פאַראַן אַ שעת הכושר ביי אַ פאָלק, אַ טאָג וואָס איז מסוגל דערצו. אַזעלכע נעכט האָבן מיר געהאַט אין אונזערע היימען די כל־נדרי און תשעה־באב־נעכט. יענע נעכט זיינען מער נישטאָ און די היימען

אויך נישט — די ערב־פסח נאַכט וועט עס ווערן! די זעקס מיליאָן נשמות מיען זיך דערפאַר, און מיר וועלן בייגן אונזערע קעפּ אין טרויער און אין קדושה, אויב מיר ווילן זיין ווערט צו טראָגן דעם נאָמען ייד.

* * *

זיכער, די פיר „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" וואָס מיר זיינען מקדיש אַלע יאָר לכבוד די פּרץ־יאָרצייט, מיט לייענען פאַרן עולם פון פּרץ'ס ווערק זיינען אַ סך גורם דערצו און זיינען די הכנה, כדי צו זיין צוגעגרייט צו אַזאַ מין שעה פון קדושה און אינערלעכער שטילקייט.

## רות בערגנער און חנה מעצגער

דער טאַנץ־ און ליד־קאָנצערט, וואָס „פריינט פון יידיש לשון" האָט אין חוהמ"פ איינגעאָרדנט פאַר די צוויי ביז גאָר טאַלענטירטע קינסטלערינס, אין סטאָק ניואינגטאָן טאַון האָל, איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון יידישער קולטור אין אונזער באַשיידענעם יידיש לאָנדאָן. אין דער וואָכעדיקער סטאַגנאַציע, אין דער טאָג־טעגלעכער, אין דער אומדערטרעגלערער און שוין באַלד אוממעג־לעכער, האָט זיך אַ יום־טוב'דיקער ריר געטון — עפּעס ווי אַ שטיקל פּסח־זון האָט אַ שיין געטון און דאָס אייז געבראָכן!

אונזער ליבע חנה מעצגער, וואָס האָט אָנגעהויבן אירע ערשטע שריט ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, אויף די „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס", און איז איצט, אפשר, די טיפסטע פאַרטייטשערין פונם יידישן פאָלקס־ליד ביי אונז דאָ אין אונזער ישוב, האָט זיך דעם היינטיקן אָונט ווידער באַוויזן אין איר גאַנצע חנ'עוודיקייט און ליבלעכקייט. ווי „דורך אַ זיידן טיכל" האָט זיך געפילטערט, לויטער און זיס, דאָס האַרבלעך יידישע ליד, דאָס יידישלעכע כשרע פאָלקס ליד, האַרציק און געטריי; ליבלעך, ווי די מעלאָדיע, וואָס שוועלבלט און פלאַטערט און ציטערט אין רוים.

אויך דאָס העברעאישע ליד, וואָס זי אייגנט זיך לעצטנס צו, האָט אויך שוין אַ טייל פון איר יידישלעכער האַרציקייט און חנ'עוודיקייט — עס האָט זיך שוין איינגענעסטלט אין איר האַרץ.

די טענצערין רות בערגנער איז נישט נאָר געווען פאַר אונז אַ פרישער גאַסט אין לאָנדאָן, נאָר אַ חידוש, אַ יידישע ענטפלעקונג אויפן קונסט־צווייג וואָס הייסט טאַנץ. בכל אופן, האָבן מיר אין לאָנדאָן אַזוינס נאָך נישט געזען — מויל און אויערן האָבן מיר אויפגעשטעלט און מיט די הענט האָבן מיר אָנגע־טאַפּט! אירע יידישע טענץ זיינען געווען די רמ"ח פרושים פונם „כל עצמותי תאמרנה".

איר טאַנץ איז נישט נאָר דער ריטם פון באַוועגונגען, עס איז דאָס שפּיל פון העוויות און תנועות; עס איז נישט די סימעטרישע פּלאַסטיק — עס איז די ציטערדיק פאַרגליווערטע דבקות! און דערפאַר אַזוי יידישלעך. איז דאָך אפילו אונזער לשון מער העויה און כוונה ווי שפּראַך. און דערפאַר קאָן מען דאָך אַלץ אויסטאַנצן ביי אונז. ווי האָבן חסידים אויסגעטאַנצט זייער שכינתא בגלותא צער





מיט אַזוי פיל דבקותדיקער פרייד און ווי האָבן די חלוצים זייערע אַלע יסורים און נסיונות אויסגעטאַנצט אינם פריילעכן „האָרא״.

רות בערגנער, אויסגעהאָדעוועט אויף דער יידישער ליטעראַטור, ווייסט דעם סוד און זי וועט אים ערשט דערגיין „צווישן די בערג״ ביי פרץ׳ן און אינם „גלגול פון אַ ניגון״.

די „בית־מדרש־ און חסידים־טענץ״, „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא״, זיינען געווען יידישלעך נערוועזע תנועה געטראָגן פון יידישער חכמה, מיט אַזאַ „שבת יום טובדיקע״ מתינותדיקייט און בנעימותדיקייט, האָט אין זיך געהאַט די אַטמאָספערע פון בית מדרש און חסידישן קלויז — אין איר צוקלאַפּ פונם פוס האָט מען געהערט דאָס בת קול.

און ווען זי איז געבליבן שטיין פלאַסטיש שטיל האָבן מיר געהערט דאָס קלאַפּן פון אונזערע הערצער, ווי בשעת שמונה עשרה.

אין אירע אינדישע און יאַפּאַנישע טענץ האָט זי נישט נאָר איר האַרץ געטראָגן אויף אירע הענט, נאָר אונזערע האָבן מיט איר מיטגעוועבט, אַזוי לייכט, אַזוי גרינג.

עס איז געווען אַ וואונדערלעכער אָוונט פון צוויי טאַלענטירטע קינסטלערינס. עס איז אַ שווערע האָרעוואַניע פאַר אַזאַ פאַראיין ווי „פריינט פון יידיש לשון״ איז, טעכניש צוזאַמענצושטעלן און מיט אַלע פּיטשעווקעס אויסצופירן אַזאַ אָוונט און אַז ער זאָל נאָך אויך זיין אַ „קאַסע דערפאָלג״. אָבער אַז מען זעט די פּרוכט וואָס אַזאַ אָוונט ברענגט, איז יעדע אַרבעט ניחא — עס איז געווען אַ נחת רוח, אַן אויסרוען פאַר דער נשמה. און דאָס־אָ איז עס דאָך וואָס מיר ווילן באַווייזן, אַז אין אונזער מאָדערנער יידישער קולטור איז פאַראַן כוונה און שטילקייט, שלות־הנפש — אַז קונסט מיינט נישט נערוועזע העויה, אַז קונסט איז אינערלעכער ריטם, האַרמאָניע פון שכל און געפיל.

באַגלייט די צוויי קינסטלערינס האָט דער באַקאַנטער פּיאַניסט פּאָול ליכטענשטערן, וועלכער האָט אויך אין די הפסקות געשפּילט קלאַסישע און אייגענע קאָמפּאָזיציעס. פריינט אליהו פּאָלושאַק האָט געעפנט דעם אָוונט מיט זאַכלעכע און געלונגענע ווערטער, און מיט גרויס ערנסטקייט איבער אונזער געזעלשאַפטלעכן מצב.

## אונזער רעציטאַטאָר און סעקרעטאַר נעט רובין

(דרשה געשאַנק צו דער גליקלעכער געלעגנהייט פון דער חתונה פון זיין טאָכטער)

ווען האָט מען דען די מעגלעכקייט אַ באַשיידענעם מענטש, אַ האָרעפּאַשניק, אַן אייגענעם בר־נש אַריינצווואַרפן אַ פּאָר ליבע ווערטער, אַז נישט ער זאָל זיי צונעמען פאַר „אומגוט״, און אַליין זיך נישט פילן בעל ביתלדיק, מעשה שמויגער? ווען, אַז נישט בשעת שמחה, בשעת מען איז „אונטערן גלעזל״?



מילא, אַז אַ צונג מוז שוין באַלאַבאַטשן, זאָל עס כאָטש זיין דאָס וואָס אויף דער לונג — זאָל עס זיין בכל לבבך!

עס איז דאָך אַ שמחה, מ׳מאַכט אַ לחיים, אַ קנאַק יעקב, „די מוזינקע אויסגעגעבן״, איז אַריינגעהאָצקעט ווי אַ קאָזאַק מיטן אינם רעדל אַריין און „געטאַנצט מיט דער באָבע אַ קאָזאַטשאָק״. און אויפן בענקל אַרויפגעשטיגן און אויסגערופן דאָס דרשה געשאַנק מצד הכלה. מיר זיינען דאָך עפּעס די לעגיטימע איניקלעך פון די אַמאָליקע בדחנים, די רייכע יורשים פון די מאַרשאַלעקעס — —

פריינט רובין שטייט שוין באַלד אַ צענדליק יאָר ביים ברעטל פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס: איז נישט אַ מוספל איז אַ שחריתל, און מיט אַ שטיקל פון פאָרנט איז זיך אויך נישט צו פאַרזינדיקן. עס גייט נישט פאַרביי אַ שבת, אַז נעט רובין זאָל נישט פאָרלייענען, אָדער רעציטירן. און זיין רעפּערטואַר איז פון עדלשטאַט ביז פאַלמע, לעווי, פון שלום עליכם ביז קייזער, קייטי בראון, פון פרץ ביז משה עובד, שמואל ווהייט; זיין סקאַלע איז פון אונטערן נול ביז איבער די 99. און קאָן זיין שטאַרק און איינרייסן די הימלען, ווען ער באַווינט גאָט מיט יצחק קאַצענעלסאָנס ליד, און ער קאָן דעם עולם אַריינוואַרפן אין אַ שיכורן געלעכטער, זיי שוין נישט מער אַרויסצורייסן דערפון מיט זיינע „משה קאַפּויער״ מעשהלעך. און אַז ער שלעפּערט זיי שוין איין מיט מיינס אַ ליד, שלאָפט ער, דער עולם, אַ גאַנצע וואָך, ביז ער כאַפּט זיך דעם קומענדיקן שבת, פּונקט 3 אַזייגער.

נעט רובין איז איינער פון די זיילן פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס שוין קרוב אַ צענדליק יאָר און דערצו ליגט נאָך אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס די לעצטע יאָרן דער „סעקרעטאַריאַט״ פון „פריינט פון יידיש לשון״. ער איז אַזוי צו זאָגן דער גאַנצער גענעראַל סעקרעטאַר. טאַקע קיין נישט באַצאָלטער, נאָר אַ נס וואָס ער איז נישט קיין האָנאָראָווער.

מילא, אַ מלאך קאָן נישט טון קיין צוויי מלאכות, איז ער דאָך אָבער אַ מענטש, אַרבעט ער פאַר צען, איז טאַקע גרויסענע צרות — — נאָר גיי באַצאָל פון די הכנסות פון „לשון און לעבן״ צען מלאכים, כ׳מיין צען אָפּישעלס. זעסט, דעם כבוד וואָס די רעדאַקציע האָט, טייל איך דיר צו מיטן גאַנצן האָנאָר.

פריינט רובין, ס׳איז דאָך אַ שמחה ביי דיר, ביי דיין גאַנצער משפּחה, אַ טאָכטער געפירט אונטער דער חופּה, איז פאַרגעסן אויף אַ ווייל אונזער לשון און לעבן זאָרגן, יידיש לעבט און וועט לעבן, און זאָל דאָס מזל פון דעם יונגען פּאָרל אַזוי שיינען, ווי דאָס יידישע שאַפן שיינט אין מיינע אויגן, און דו ווייסט דאָך, רובין, אַז קיין גרעסערע ברכות האָב איך נישט, אפילו ווען איך שטיי שוין אונטערן גלעזל פונם 99־ער.

ש.

# די ייוו״אָ טעטיקייט אין לאָנדאָן

דער 25־יאָריקער יובל פון ייוו״אָ און די פּאַרטיילונג פון פּרעמיעס צו געווינערס פון קאָנקורס אויף דער טעמע „מיין ערשט יאָר אין ענגלאַנד“, איז געפּייערט געוואָרן אויף אַן אימפּאָזאַנטן און העכסט צופרידנשטעלענדן אופן.

דער זאַל אין בן־אורי קונסט גאַלעריע אין וועסט לאָנדאָן איז זונטיק דעם 15־טן אַפּריל געווען איבערפילט מיט אַן אינטעליגענטן עולם וואָס האָט פאַרבראַכט איבער צוויי שעה אין אַ פיינער קולטורעלער און גייסטיקער אַטמאָספערע.

פריינט א. מ. קייזער, דער פּאַרזיצער, האָט געעפנט די פייערונג מיט אַ ווירדיקער רעדע וועגן די אָריגינעלע צילן פון ייוו״אָ און זיינע פּערזענלעכקייטן, ספּעציעל דערמאָנענדיק דר. עמאַנועל רינגעלבלום, דעם ייוו״אָ קדוש וועמענס אָנדענק דער עולם האָט באַערט מיט אויפשטיין.

דר. אהרן שטיינבערג, איינער פון די גרינדער פון ייוו״אָ, האָט געגעבן העכסט אינטערעסאַנטע און וויכטיקע איינצלהייטן וועגן דעם בראשית פון דער אָרגאַניזאַציע, און דר. י. מייטליס האָט געהאַלטן אַ וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט וועגן ייוו״אָ. זיי זיינען באַדאַנקט געוואָרן פון עולם מיט אַפּלאָדיסמענטן. דעם באַריכט וועגן קאָנקורס האָט געגעבן דר. שטיינבערג אין נאָמען פון דער זשורי וואָס איז באַשטאַנען פון אים, דר. באַרו און דר. מייטליס. עס זענען אַריינגעשיקט געוואָרן 9 אַרבעטן, 6 אין יידיש, 2 אין ענגליש און איינע אין דייטש. צוויי פרויען האָבן זיך באַטייליקט. דר. שטיינבערג האָט געזאָגט אַז די מערסטע פון די אַרבעטן זענען העכסט אינטערעסאַנט און אַנגענעם צו לייענען. זיי דערגענצן זיך איינע די אַנדערע פון 50 יאָר צוריק ביז דער לעצטער מלחמה, און וועלן דינען אַלס מאַטעריאַל צו שטודירן די עקאָנאָמישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פון די יידן אין ענגלאַנד אין איצטיקן יאָרהונדערט. דר. שטיינבערג האָט דאַן איבערגעגעבן דעם איינשטימיקן באַשלוס פון דער זשורי וועגן די פּרעמיעס.

די ערשטע פּרעמיע פון 30 פונט ווערט צוטיילט צווישן פרוי שאַרלאָט זינגער (פאַר אַן אַרבעט אין ענגליש) און א. מ. ארשזיצער. די צווייטע פּרעמיע פון 15 פונט געווינט י. ל. פיין, און די דריטע פּרעמיע (דריי ייוו״אָ ביכער) געווינט פרוי שטיינמעץ־מייזעלס. די זשורי האָט אַבסאָלוט נישט געוווּסט ווער די שרייבער זענען ווען זיי האָבן געגעבן זייער באַשלוס, ווייל יעדע אַרבעט איז געשיקט געוואָרן אונטער אַ פּסעוודאָנים. אין נאָמען פון דער זשורי באַגריסט דר. שטיינבערג די געווינער פון די פּרעמיעס און באַדאַנקט די אַנדערע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנקורס.

פריינד פּאָדאָלסקי, דער ערן קאַסירער פון ייווא אין ענגלאַנד האָט דאַן איבערגעגעבן די פּרעמיעס צו די געווינערס באַגלייט פון אַפּלאָדיסמענטן פון עולם. צולעצט האָט פריינט א. ר. ראלין, דער ערן־סעקרעטאַר, אַפּעלירט צו אַלע פריינט און סימפּאַטיזירער צו ווערן אַקטיווע מיטגלידער פון ייווא, אום צו העלפן מיט די וויכטיקע און נויטיקע אַרבעט דאָ אין ענגלאַנד.



# לאָנדאָנער קולטור־ידיעות

משה עובד איז פאַרגאַנגענעם חודש געווען אין שוועדן, ווו ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן פון אַ ריי יידישע קולטור סעקציעס.

* *

אין לאָנדאָן ווײלט איצט דער באַקאַנטער פּאַריזער מאָלער גאָלדקאָרן.

* *

ביי „פריינט פון יידיש לשון“ איז אויפגענומען געוואָרן פריינט ליכטנשטיין פון פּאַריז, דער רעדאַקטאָר פון די „פרייע האָריזאָנטן“, און אָפּגעגעבן אַ גרוס פון יידישן ישוב אין פּאַריז.

* *

די לאָנדאָנער באַרימטע אַקטריסע עטאַ טאָפּל פאַרלאָזט דעם חודש לאָנדאָן צו פאָרן קיין זיד אַפריקע, ווו זי באַזעצט זיך מיט איר מאַן דעם באַרימטן אַקטיאָר מאַרק מאַרקאָוו.

* *

אונזער חנהלע צעלניקער האָט אָנגעהויבן ווידער צו שפּילן אין גרענד פּאַלעי טעאַטער, ווו זי איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם פונם טעאַטער עולם.

* *

דער גוט באַקאַנטער אַרבעטער־טוער אין לאָנדאָן, דער סעקרעטאַר פונם ייוו״אָ, דער שרייבער אהרן ראָלין, פאָרט אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע אין באַגלייטונג פון זיין פרוי.

* *

„שמע ישראל“, אַ פּאָעמע פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי, אין ענגלישער איבערזעצונג, איז דערשינען פאַרגאַנגענעם חודש.

* *

אין גרענד פּאַלעי טעאַטער שפּילט איצט דער גוט באַקאַנטער זינגער און אַקטיאָר חיים טויבער מיט גרויס דערפאָלג.

* *

די קולטור סעקציע ביים אַרבעטער רינג גייט ווידער אָן מיט אירע זונטיק אָוונטן — מיר באַגריסן עס, אַז ער זאָל זיין רעגלמעסיקער און אויף לאַנגע יאָרן.

* *

ווייטשעפּל לעבט“, די ווייטשעפּל־אַנטאַלאָגיע, וואָס דערשיינט פון פאַרלאַג „לשון און לעבן“, אין „באַראָד פּרעס“, אַ בוך קרוב 200 זייטן ביי דער געלעגנהייט פונם „פעסטיוואַל אָף בריטיין“, דערשיינט דעם חודש.

* *

די „יידישע ליטעראַרישע גאַזעטע“ וואָס י. א. ליסקי און זאָנטאַג געבן אַרויס אין ענגליש, האַלט ביים נומער 3 און גייט אָן מיט דערפאָלג.

* *

דער באַקאַנטער רב, הרב יחזקאל אַבראַמסקי, לאָנדאָנער באַקאַנטער דיין, געוועזענער סלוצקער רב, מחבר פון וויכטיקע ספרים, איז געפאָרן קיין ישראל זיך דאָרטן צו באַזעצן אין ירושלים.

* *

פון קומענדיקן חודש אָן גרייטן זיך אַ גרופּע יידישע זשורנאַליסטן אַרויסצוגעבן אַ לאָנדאָנער יידישע וואָכנצייטונג. מיר ווינטשן זיי גרויס דערפאָלג אין זייער אונטערנעמונג.

* *

דער גוט באַקאַנטער רב אין לאָנ־דאָן, הרב לעוו, אַ מחבר פון אייניקע ספרים, זיינע צוויי ספרים אין יידיש „ילקוט יוסף" האָבן בשעתם געמאַכט אַ גרויסן רושם — איז פאַרגאַנגענעם חודש נפטר געוואָרן.

* *

חיים געשאַטער, רעדאַקטאָר פונם „זייאָניסט רעקאָרד", וועלכער ווײלט איצט אין לאָנדאָן, איז אויפגענומען געוואָרן פון זשורנאַליסטן פאַראיין ביי אַ גלעזל טיי.

* *

יוסף קאַהאַן, געוועזענער רעדאַק־טאָר פון די „פרייע אַרבעטער שטי־מע", ווײלט איצט אין לאָנדאָן. די גרופּע פרייע אַרבעטער שטימע גרייט צו אַ באַנקעט פאַר דעם חשובן גאַסט.

„דער כוח פון דער ערד", אַ ראָמאַן פון יואל מאַסטבוים, דערשיינט די טעג, אין פאַרלאַג נאַראָד פרעס.

* *

אין הויז ביי בן־ציון מרגליות איז געגעבן געוואָרן אַ גלעזל טיי לכבוד די טענצערין רות בערגנער.

* *

איציק מאַנגער איז געפאָרן קיין דרום אַמעריקאַ, דאָרטן אויפצוטרעטן אויף אַ רייע לעקציעס.

* *

י. ח. קלינגער פאָרט קיין ישראל אין באַגלייטונג פון זיין פרוי.

* *

דער גוט באַקאַנטער אַקטיאָר האַרי אַריעל איז צוריק דאָ אין לאָנדאָן פון זיין טור אין דרום־אַפריקע.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 5־טן מאַי: י. א. ליסקי, מ. מינדל: אונזער ענטפער די „דזשואיש קראָניקל".

שבת, דעם 12־טן, אַ גרויסע ישראל פייערונג צום „יום העצמאות": הער־מאַן טוניס, אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין, א. בלום און י. ביעטש.

שבת דעם 19־טן: עלעק וואָטערמאַן — אַ באַזוך אין מזרח־אייראָפּע.

שבת, דעם 26־טן: מ. ליכטיק — זכרון נאָטיצן פון אַ לאַגער אויספאָרשער.




זונטיק, דעם 20־טן מאַי, 8 אַזייגער, אין בן-אורי, 14 פּאָרטמאַן סט., וו.1.

**יידיש שאפן אין לאנדאן**

משה עובד, י. א. ליסקי, י. ביעטש, ל. ש. קרעדיטאָר.

איינלייטונג: א. נ. שטענצל.

דעם 25־טן מאַי הויבט אן צו דערשיינען

**די יידישע וועלט**

וואָכנצייטונג

רעדאַקטאָר: בן־א. סאָכאַטשעווסקי.

רעדאַקציע קאָלעגיע:

ל. ש. קרעדיטאָר, י. ל. פיין, יוסף הלל לעווי, מאַקס הערשמאַן.

פרייז 4 פּענים.

פּראָוויזאָרישע רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: 11־13 ניו רויד.

לשון און לעבן באַגריסט **חזן פינחס חיים פייגענבלום** און זיין פרוי צו דער פייערונג פון דער בר מצוה פון זייער זון **משה יוסף**. זאָלן זיי האָבן פיל נחת פון אים און ער זאָל אויסוואַקסן אַ געטרייער זון פון ישראל.

**שמשון אייזן**, דער גבור פון ישראל, באַדאַנקט האַרציק די אַלע וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפן צו באַווייזן זיינע גבורות אין גרעסטן זאַל פון לאָנדאָן, אין אַלבערט האָל, און בפרט דאַנקט ער אונזער פריינט משה עובד. ער גרייט זיך איצט צו באַווייזן זיינע גבורות אין ווייטשעפל.

- ✶ **אין חדר אריין** . . 10 שילינג
- ✶ **אין זכות פון די טעג** . . 5 שילינג
- ✶ **זינגענדע רעיונות** . . 7 שילינג 6 פּענס
- ✶ **די גאולה שעה** . . 7 שילינג 6 פּענס
- ✶ **וויזיאָנען און איידעלשטיינער** . . 1 פונט
  (אין דריי טיילן, אילוסטרירט)

די ביכער צו באַקומען דירעקט פון מחבר:—

MOSHE OVED, 26 *Museum Street, London, W.C.1.*

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 3 (העפט 137) צוועלפטער יארגאנג יוני 1951 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**אינהאלט:**

לכבוד שבועות: א. מעמד הר סיני, ב. אנוכי, ג. מסיני... די צוויי לוחות ** 1
שבועותדיקער פאלקס־הומאר ............ גדליה שטוצינגער 5
ווי נאך מתן־תורה (ליד) ........................ יוסף הלל לעווי 7
זלמן פילאזאף (א תל־אביב׳ער טיפ) ................ יוסף גוימאן 8
דאס ליכט... געקומען איז פרילינג (לידער) ............ דוד אפאלאוו 11
די נאטיק (דערציילונג) ........................ ביטריס בעקערמאן 12
צו מיין ווייסן קלייד (לידער) ........................ רקודה פאטאש 18
דאס געהער (סקולפטור) ............................ משה עובד 19
פון בוך „יהי אור" (ליד) ............................ משה עובד 20
מחוץ לתחום (ליד) ................................ רחל דון־יחיא 20
דער נס פון תש״ח (עסיי) ........................ אליהו פאלושאק 21
סאנעטן און לידער ................................ א. נ. שטענצל 26
פון מיין ביכער־טיש ........................ דר. יעקב י. מייטליס 30
דער קאשטאן־בוים (באלאדע) ............................ ס. פאלמע 37
אוי ווי עס בענקט זיך (ליד) ................ שלמה צבי קאראסקי 41
די דזשודאאיסטישע קדיש־זאגער נאכן יידיש לשון .... ש. י. דארפזאן 42
Decline of Yiddish (סאטירישער דיאלאג ............ א. מייזלס 45
צו דער טעמע „דער אונטערגאנג פון יידיש" (בריף) ................ 46
1. דער קאנצערט פון פריינט פון יידיש לשון; 2. חיים טויבער און
חנה צעלניקער ........................................ ש. 47
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס ................ 48

**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

אבאנענט־פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

### ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

## IDEAL TRIMMINGS LTD.

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*